STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01513

# YIDN IN BIRO-BIDZSHAN

P. Novik

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פ. נאָוויק

# אידן אין בירא-בידזשאַן

## אַ באַזוך אין דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט

מיט ביילאַגעס:

## פאַקטן און ציפערן

און

## פראַגן און ענטפערס

מיט אַ לאַנדקאַרטע פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט

•

אַרויסגעגעבן פון „איקאָר"

ניו יאָרק, 1937.

ALLIED PRINTING TRADES UNION LABEL COUNCIL 446

JEWS IN BIRO-BIDJAN

*By* Paul Novick

Published by Icor
New York, 1937

אידן אין ביראָ־בידזשאַן

# אינהאַלט:

זייט:


בירא־בידזשאַן — 9

די שטאָט בירא־בידזשאַן — 16

אויף די פעלדער פון בירא־פעלד און פרייילאַנד — 22

איבערן אַמור — 28

אַבט שעה אין דער טאַיגא — 35

אויף די מארמאָר־בערג אין ביראקאַן — 40

קוראַרט קולדור — 46

אַ יום טוב אין בירא־בידזשאַן — 52

קאָמאַנדיר ראַבי גריסט אייך — 57

אידישע קולטור אין בירא־בידזשאַן — 62

„אויסלענדער" אין בירא־בידזשאַן — 68

אויף די פעלדער פון „איקאָר" — 73

אַמעריקאַנער אין בירא־בידזשאַן — 81

אַ זייגעזונט בירא־בידזשאַן — 86

די אידישע אויטאָנאָמע געגנט (פאַקטן און ציפערן) — 93

פראַגן און ענטפערס — 103




מאַרשרוט פון פ. נאָוויק : 1) אַרייגעפאָרן דעם 25טן יולי, 1936, דורך אַבלוטשיע קיין בירא־בידזשאַן, 2) פון בירא־בידזשאַן אין די קאָלווירטן ביראָפעלד, פּרייילאַנד, וואלדהיים, אַרום שטאָט, 3) פון בירא־בידזשאַן מיטן באַן קיין לאָנדאָקאָ, 4) פון בירא־בידזשאַן מיטן אויטאָמאָביל קיין בליוכערעווע, קיין אַמוזערט מיטן שיף איבערן אַמור, און ווייטער ביז פּאַשקאָוו, 5) פון פּאַשקאָוו ביז אבלוטשיע מיטן פור, 6) פון אבלוטשיע ווידער מיטן באַן ביז ביראַקאַן 7) פון ביראַקאַן מיטן אויטאָמאָביל קיין קולדור, 8) פון קולדור, ביראַקאַן, מיטן באַן ווידער קיין בירא־בידזשאַן, 9) פון בירא־בידזשאַן מיטן באַן קיין וואַלאַטשאַיעווקע און מיטן אויטאָמאָביל אין קאָלווירט איקאָר און סאָצשטעטל איקאָר, 10) אַרויספאָרן פון בירא־בידזשאַן קיין מאָסקווע, דורך אַבלוטשיע, 25טן סעפּטעמבער, 1936.

# בירָא־בידזשאַן

בירָא־בידזשאַן.

א וואָרט וואָס איז איצט אויף די ליפּן פון אידן איבער דער גאַנצער וועלט. אַן אויסדרוק פון פולשטענדיגער לייזונג פון דער אידן־פראַגע דורך אַרבעטער־מאַכט. אַ מוסטער פאַר מיליאָנען אידן אין אויסלאַנד. אַ האָפע־נונג פאַר טויזנטער און טויזנטער פון זיי — באַזונדערס אין פּוילן — וועלכע גרייטן זיך צום פאָרן, וואַרטן מיט אומגעדולד אויפן גליקלעכן מאָמענט.

בירָא־בידזשאַן. די אידישע אויטאָנאָמע געגנט אויפן ווייטן מזרח, אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

איר פאָרט אַריין אין דער געגנט, וואו איר האָט לאַנג געגאַרט צו זיין, מיט אַ אינערלעכער אויפרעגונג, אין אַ פייערלעכער שטימונג. און נאָך עטלעכע שעה אָפּזיין אין דער הויפּט־שטאָט פון דער געגנט, אין בירָא־בידזשאַן, ווילט זיך איבערגעבן די אַלע איינדרוקן וואָס מען האָט איינגע־זאַפּט אין זיך פון דעם מאָמענט, ווען מען האָט דערזען די ערשטע אידישע שילד, אויף דער סטאַנציע א ב ל ו ט ש י ע, ביז מען איז — זעקס שעה שפּעטער — אָנגעקומען אין דער הויפּט־שטאָט. עס ווילט זיך באַלד דער־ציילן וועגן די ערשטע מאָמענטן אין דער שטאָט בירָא־בידזשאַן.

עס פאָדערט זיך אָנשטריינגונג אָפּצוהאַלטן זיך, עס ווילט זיך ניט אויסבייטן די געגנט אויף מאָמענט־איינדרוקן. עס ווילט זיך איינזאַפּן וואָס מער, איבערקאָכן, קאָנטראָלירן.

אַזוי זיינען מיר אַוועק צוויי חדשים אין דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט, אין בירָא־בידזשאַן, הייסט עס. איינגעזאַפּט, איבערגעקאָכט. פאַר־בראַכט אַ סך טעג אין דער שטאָט בירָא־בידזשאַן גופא, באַזוכט אַנדערע שטאָטישע ישובים — אויב מעג קאָן זיי שוין אַזוי אָנרופן — געווען אין קאָלווירטן (קאָלעקטיווע פאַרמס), געזען פאַבריקן און קולטור־אַנשטאַלטן, גערעדט מיט אַ סך איינוואוינער — מיט אַלטע, איינגעזעסענע, זאַטע, וואָס ווייסן צו דערציילן וועגן פּעק בייגעקומענע שוועריגקייטן, און מיט פרישע איבערוואַנדערער, וואָס טייל פון זיי זיצן נאָך „אויפן פור“.

געפאָרן מיט דער באַן, וואָס שניידט־דורך די אידישע אויטאָנאָמע געגנט אין דער גאַנצער לייגג. געפאָרן מיטן אויטאָמאָביל אויפן איינציגן מער־ווייניג גוטן וועג — פון דער הויפּט־שטאָט (בירָא־בידזשאַן) ביז בי־

ראַפּעלד און פּריילאַנד (אַלעקסעיעווקע) און ביז בליוכעראָוואָ, וואָס בײַם ברעג פון טייך אַמור. וועלכער רינגלט אַרום דעם דרום־טייל פון דער געגנט אויף אַ שטח פון 650 קילאָמעטער. געפאָרן אויף לאַדקעס, אויף דאָרפישע פורן און געגאַנגען צופוס, ווען עס איז נויטיק געווען.

אָפּגערוט זיך אין דעם קוראָרט פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט, אין קוראָרט קולדור, ביי די הייסע הייל־קוואַלן אינם סאַמע צפון׳דיגן טייל פון דער געגנט. די אַרום דריי הונדערט געסט פון דעם קוראָרט האָבן גענומען וואַנעס, געוואַשן זיך ביי אַ הייסן קוואַל, וואָס רופט זיך: „דער קוואַל פון יוגנט“.

עס איז דאָ געווען שטיל אין די קילע זומערדיגע אָוונטן. אַרום איז טאַיגאַ — געדיכטער אוראַלטער ווילדוואַלד. מיילן און מיילן טאַיגאַ, ניט קיין אויסגעפאָרשטע, כמעט ניט קיין באַטראָטענע. אויף אַלע האָריזאָנטן אַרום הויבן זיך גרין־וואַלדיגע בערג און בערגלעך — סאָפּקעס, ווי זיי הייסן דאָ. אַרום און אַרום — די לעגענדאַריש־רייכע געוויקסן־וועלט פון דער געגנט, צוזאַמען מיט איר גרויסן און ניט־באַרירטן רעזערוו מינעראַלע אוצרות.

איז דאָ געווען גוט צו טראַכטן וועגן דעם וואָס מען האָט שוין געזען. וואָס איז ביראָ־בידזשאַן?

עס איז לייכט אַריינצופאַלן אין הויכן סטיל, אין זינגען אַ געזאַנג. די פּאָר ווערטער וואָס זיינען דאָ געזאָגט געוואָרן וועגן דעם קוראָרט קולדור (און מען וועט נאָך דאַרפן זאָגן מער) האָבן שוין עטוואָס אויפגעהויבן דעם פאַרהאַנג איבער די שיינקייטן פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט.

זי איז שיין און רייך, די אידישע אויטאָנאָמע געגנט. און פּונקט ווי מען קאָן און מען דאַרףריידן וועגן קולדור, אַזוי קאָן מען — און דאַרף מען — ריידן וועגן דער טאַיגאַ, וואָס מען איז דורכגעפאָרן אַהער פון דער סטאַנ־ציע ביראָקאַן. אַזוי קאָן מען ריידן וועגן דער אויסערגעוויינלעך־שיינער און רייכער באַרגיגקייט, וואָס רינגלט ביראָקאַן אַרום, וועגן דעם זעלטענעם ראָזעווען און גרינעם מאַרמאָר, וואָס מען קריגט פון די בערג אַרוים. אַזוי קאָן מען ריידן וועגן דעם גאַנצן באַרגיגן טייל פון דער געגנט, דער מערב־טייל, וואָס זיינע שיינקייטן און רייכקייטן זיינען אַזוי פאַרשיידנאַרטיג, אַז זיי לאָזן זיך קוים באַשרייבן. און ווי קאָן מען פאַרגעסן, ווי צוגעשמידט עס איז געווען דער בליק צו די צויבערדיגע ברעגן פון אַמור, ווען אונזער שיף איז אַריינגעפאָרן אין די כינגאַן־בערג?

יע, זי איז שיין און רייך, די אידישע אויטאָנאָמע געגנט. דאָס איז אַן אויסערגעוויינלעך לאַנד, פאַרמאָגט אַלץ פּאָר אַ גרויסער

אינדוסטריע און פּאָר אַ רייכער לאַנדווירטשאַפט. מיר האָבן שוין פון לאַנג געוואוסט, אַז די געגנט פאַרמאָגט קוילן און אייזן און גאָלד און מאַרמאָר און גראַפיט און אַנדערע מינעראַלן. אָבער איך האָב געזען ווי דער מאַרמאָר ווערט שוין פּראָדוצירט, און ער איז דער שענסטער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. און די גאָלד־גרובן ביי סוטארי שטייגן איבער זייער יערלעכן פּלאַן. און בירא־קאַן און לאַנדאָקא גיבן אַרויס צענדליגער טויזנטער טאָן קאַלך. און מען נעמט זיך איצט צום אייזן־ערץ ביים קימקאַן.

וואָס־זשע איז בירא־בידזשאַן?

בירא־בידזשאַן איז — אַן אָרט פאַר אַ בליענדיגע אינדוסטריע. ניט קיין קלײנעם אָרט וועט דאָ שפּילן דער גרויסער געהילץ־רעזערוו, אַ שטח געדיכטער וואַלד פון העכער צוועלף טויזנט קוואַדראַט קילאָמעטער, מיט צעדערבוימער, דעמבן, יאָדלעס און בעריאָזעס אויף טויזנטער און טויזנטער קוואַדראַט קילאָמעטער.

און בירא־בידזשאַן איז — אַ לאַנד מיט אַן אומגעהויער־פּרוכטבאַרן באָדן.

אין די קאָלווירטן (קאָלעקטיווע פאַרמס) האָט מען אָראָפּגענומען הײנ־טיגן יאָר ניט קיין שלעכטע גערעטעניש, כאָטש מען אַרבעט נאָך שלעכט. און פּונקט ווי איר טרעפט אין דער קאַליפאָרניער ווילדער טאַיגאַ בוימער און בלומען און ווילדע פּרוכטן, וואָס געהערן גאָר צו די דרום'דיגע און אפילו סוב־טראָפּישע געגנטן — זייט ביי זייט מיט בוימער און בלומען און ווילדע פּרוכטן פון די צפון־געגנטן, אַזוי גיט דער היגער באָדן אַרויס סיי די תבואה־קולטורן פון די צפון־לענדער און אויך סאָיע און רייז, וואָס וואַקסן גע־ווײנלעך אויף דרום.

דאָ וואַקסט און בליט. דאָ שלאָגט פון דער ערד מיט לעבעדיגע קוואַלן. און אויב עס איז ערגיץ געווען אַ לאַנד וואו עס רינט האָניג איז דאָס — די אידישע אויטאָנאָמע געגנט. די רייכע געוויקסן־וועלט האָט אָנגעגרייט פאַר די בינען צענדליגער סאָרטן האָניג־שפּייז. האָט כמעט יעדער קאָל־ווירט אַ בינשטאָק־פעלד. האָבן פיל פון די איינגעזעסענע קאָלווירטניקעס אין דעם עלטסטן קאָלווירט. וואַלדהיים, חוץ אייגענע גאָרטנס און אייגענע קי און עופות, אויך אייגענע בינשטאָקן הינטער די הייזער.

אָבער בירא־בידזשאַן איז ניט סתם אַ שיין און רייך לאַנד. בירא־בידזשאַן דאַרף ווערן אַ אידישע געגנט, אַ באַזעצטע אידישע געגנט. דאָס דאָזיגע כמעט פּוסטע לאַנד, וואו עס קומט אויס ווייניגער ווי צוויי מענטשן אויף יעדן קוואַדראַט קילאָמעטער, דאַרף איצט באַהערשט ווערן.

אַ לאַנד, וואָס איז אַנדערהאַלבן מאָל אַזוי גרויס ווי בעלגיע (און וואָס קאָן נאָך אויסגעשפּרייט ווערן אויף אַנדערע ניט־באַזעצטע שטח'ן) פאַרמאָגט אַרום זעכציק טויזנט מענטשן. דאָ פאָדערן זיך פיל מיליאָנען — אידן.

שרייט בירא־בידזשאַן: געוואַלד, מענטשן, אַהער גיט מענטשן, אַהער גיט אידן!

דער פאָרזיצער פונם סאָוועט אין בליוכעראָוואָ האָט זיך געקלאָגט: עס ליגן טויזנטער העקטאַר צוגעגרייט פרוכטבאַר לאַנד און עס איז נישטאָ ווער עס זאָל עס באַאַרבעטן. איך בין ניין שעה אָפּגעפאָרן אין געדיכטן וואַלד און ניט געזען קיין סימן פון אַ ישוב. די שיף גייט שעה'ן לאַנג ביים ברעג פון אַמור, פאַרביי וואַלד און פעלד און לאָנקע, און טרעפט ניט קיין מענטשלעך לעבן. און עס שרייען די בויאונגען אין דער שטאָט בירא־בידזשאַן און אַנדערע ערטער: מענטשן! און עס שרייען מאַרמאָר און אייזן און קאַלך און גאָלד און וואַלד און בינשטאָקן: מענטשן!

די פראַגע פון מענטשן־מאַטעריאַל, פון אידן, וואָס זאָלן באַהערשן דעם אומגעהויער רייכן מאַטעריאַל, וואָס די געגנט שטעלט מיט זיך פאָר, שטייט זייער שאַרף. דאָס טאָר מען כסדר ניט פאַרגעסן. וועגן דעם וועט נאָך אויסקומען צו ריידן. געוויסע שטעטלשע עלעמענטן מיט שטעטלשע געוואוינהייטן זיינען ניט אַלע מאָל דער בעסטער מאַטעריאַל פאַר דער שיינער געגנט. איר שטויסט זיך דאָ אָן אויף אַ טיפּ, וואָס איר האָט אַמאָל געטראָפן אין אַמעריקע, ווען דאָס איז נאָך געווען דאָס „גאָלדענע לאַנד“. ער האָט געטרוימט וועגן בלאָטיגן שטעטל. דער טיפּ איז געשילדערט געוואָרן פאַר דער מלחמה אין אַ פאָפּולער לידל: „אַהיים וועל איך פאָרן קיין וואָלעדניק“...

אָבער נאָך אַנדערע מענטשן דערמאָנען אייך דאָ אינם אַמאָליגן אַמעריקע. אויף אַ באַנק אינם גערטל פאַרן אידישן מלוכה־טעאַטער אין בירא־בידזשאַן האָב איך אין אָן אָוונט אונטערגעכאַפּט אַ שמועס וועגן שיקן געלט אַהיים און וועגן „אויסשרייבן די ווייבער“. דער פראָצעס פון אַריבערנעמען די קרובים אין איינער פון די געזונטסטע אין דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט און דערציילט וועגן אַ וואַקסנדיקן געזונטן לעבן. אין דעם אַרטעל „ראַד פון דער רעוואָלוציע“, אין דער שטאָט בירא־בידזשאַן, אַרבעט איינער פון די חשוב'ע מענטשן פון שטאָט, דער אַלטער סטעלמאַך ראָזענבערג (דער אַרטעל מאַכט וועגענער און רעדער). האָט ער אויסגעשריבן ניט מער ווי הונדערט מיט פערצן קרובים, און אַלע האָבן זיך גוט איינגעאָרדנט!

אַט־יענע אָרענטלעכע האַרעפּאַשניקעס און אַלע טוער וואָס קומען אַר־בעטן און בויען דאַרף געזונגען ווערן אַ לויב — ניט ווייניקער ווי דעם לאַנד!

און דאָ דערמאָן איך זיך אָן אַ פּאַרנאַכט ביים אַמור. אַ שיפל האָט מיך צוגעפירט צו אַן אָרט, וואו אַ פור האָט מיך געוואָלט נעמען צום קאָל־ווירט „רויטער שטערן" (בירער ראַיאָן). האָב איך געזען ווי אַגראָנאָמען און מעכאַניקער האָבן געשלעפּט אַ קאָמבאַין פון וואַסער אַרויס. דער אַמור האָט זיך געהאַט „צעשפּילט" און האָט פאַרטרונקען אַ קאָמבאַין מיט צוויי טראַקטאָרס, וואָס זיינען געשיקט געוואָרן פון דער מאַשין־טראַקטאָר סטאַנ־ציע. איז מען געגאַנגען ביז'ן בויך אין וואַסער און אין בלאָטע און מען האָט אַרויסגעשלעפּט דעם קאָמבאַין — און דערנאָך די טראַקטאָרס — אויף אַ היימיש־געמאַכטן פּראָם, צוגעפירט צום אַנדערן ברעג, וואו אַ מעכטיגער זעכציג־פערדיגער קייטן־טראַקטאָר, אַ סטאַלינעץ, האָט דעם קאָמבאַין אַ „נעם" געטאָן צום קאָלווירט.

אַט־אַזעלכע בויער, וואָס שטייען אויף די פאַרשיידנסטע פּאָזיציעס פון דער אינדוסטריעלער, לאַנדווירטשאַפטלעכער און קולטורעלער בויאונג פון לאַנד פאַרמאָגט בירא־בידזשאַן. און זיי שטעלן פאָר מיט זיך איינעם פון די שענסטע אוצרות פון דער געגנט.

אויף די פעלדער פון „רויטן שטערן" שטייען נאָך פּיאָנערן און באַ־פעסטיקן מיט אַלע כחות דעם יונגן קאָלווירט. און אין דעם עלטערן און באַפעסטיקטן קאָלווירט אין בירעפעלד האָב איך געטראָפן די חשוב'ע מענטשן לישניאַנסקי, וועלכע האָבן געהאַט צו דערציילן, ווי זיי זיינען דורכגעגאַנגען דורך פייער און וואַסער (דורך וואַסער — טאַקע פּראָסט־פּשוט). איצט האָט די פרוי פון דעם קאַניוך ל י ש נ י אַ נ ס ק י, וועלכע האָט פריער געדאַרפט אַרבעטן ווי אַ קעכין און אַ וועשין, איין־איינציגע זאָרג: וואָס גיכער אַריין אין דער נייער דירה — און גיט איר גיכער די מעגלעכקייט צו באַזאָרגן דאָס טעכטערל מיט אַ פּיאַנאָ, ווייל געלט איז דאָ. און דער חשוב'ער מענטש פון דעם אַלטן קאָלווירט וואַלדהיים, ג ע פ ע ן, האָט מיך אַרויסגעפירט פון זיין שיינער און ציכטיגער היים און באַוויזן אין זיין באַלעבאַטישקייט, פאַרן גרויסן קאַרטאָפל־און אוגערקע־גאָרטן, די זעמ־ליאַנקע, וואו ער האָט געוואוינט די ערשטע יאָרן.

אין פאַרוואָרפענעם דאָרף פּ אַ ש ק אָ ו ו, וועלכער איז צוליב דער וועגלאָזיגקייט פון לאַנד אָפּגעריסן פון צענטער, שטייען יונגע קאָמוניסטן פון קיעוו ביי דער אַרבעט. אין דער לאַנדווירטשאַפטלעכער פּ ר ו אַ ו ו ־ ס ט אַ נ צ י ע ניט ווייט פון דער שטאָט בירא־בידזשאַן שטייען וויסנ־שאַפטלער פאַרטאָג טאָג און נאַכט אין מאַכן עקספּערימענטן, הויבן די גע־

רעטעניש, פּאַסן צו פּרוכטן פון אַנדערע ערטער צום היגן געגנט. בייט מאַר־מאַר אין ביראָקאַן, ביים קאַלך אין ביראָקאַן און לאָנדאָקאַ, אין דעם שיינעם שטעטל בירא, אויף די פאַבריקן און בויאונגען אין דער שטאָט ביראָ־בידזשאַן, ביי די טעכניקומס, ביים מלוכה־טעאַטער, ביי די צייטונגען, ביי די שולן און אַלערליי אינסטיטוציעס — אומעטום געפינען זיך טוער און בויער, וואָס אַלע צוזאַמען שטעלן זיי פאַר מיט זיך דעם אמת׳ן גאָלד־פאָנד פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט.

און בשום אופן ניט דעם לעצטן אָרט פאַרנעמען די וואָס זיינען געקומען פון אויסלאַנד און זיינען פאַרבליבן. פיל פון זיי שטייען אויף פאַראַנטוואָרטלעכע, אָנפירנדיגע פּאָזיציעס. אַלע ווערן זיי פאַרוואָרפן מיט בריוו פון פריינט און באַקאַנטע אין אויסלאַנד, וועלכע ווילן קומען צופאָרן (מיר׳ן זיך דאַרפן נענטער באַקענען מיט׳ן אויסלענדישן עלעמענט).

אָט־דער גאָלד־פאָנד — טוער און בויער — מוז וואָס גיכער פאַרגרע־סערט ווערן!

איר זייט אַנטציקט פון די שנעלע בויאונגען אין דער שטאָט ביראָ־בידזשאַן. ניט קיין שטאָט פון אַכצן־צוואַנציג טויזנט מענטשן איז עס, — לויט איר אימפּעט האָט איר כסדר דעם איינדרוק, אַז איר געפינט זיך אין אַ זייער גרויסן צענטער, טאַקע אין אַ וועלט־צענטער! און איר זייט פונקט אַזוי אַנטציקט פון קאָלווירטן און אַרטעלן, וואו פיל געקומענע לעבן שוין אַ זאַט לעבן. אָבער ווען איר גיט אַ טראַכט וועגן דעם גאַנצן געבענטשן לאַנד, וואָס וואַרט אויף מענטשן, ווערט איר גלייכצייטיג אומצופרידן און איר זאָגט זיך: ניט גענוג!

אין ביראָ־בידזשאַן איז דאָ אַ סך צו טאָן — און עס איז דאָ ביי וואָס און פאַרוואָס צו טאָן! מען דאַרף בויען שטעט און קאָלווירטן, מען דאַרף דורכהאַקן וועגן דורך דער טאַיגאַ, מען דאַרף בויען די אידישע סאָציאַליס־טישע קולטור! עס ווילט זיך נאָך, איר האָט איין באַגער: אַ שנעלערן אימפּעט!

אָט מיט אַזעלכע שטימונגען — געהויבענע שטימונגען פון דעם אַנט־ציקנדיגן לאַנד און ברענענדיגן באַגער פאַר באַהערשן דאָס לאַנד — הויבט איר אָן צוזאַמענגעמען די איינדרוקן פון צוויי חדשים אַרומפאָרן איבער דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט.

דער חבר ל. מ. קאַהאַנאָוויטש האָט אויף זיין באַזוך דאָ מיט עטלעכע חדשים צוריק אָפּגעשאַצט די אויפטואונגען אין דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט אַזוי:

— אַן אָנהויב פון אַ גרויסער זאַך!

דער מייסטער פון סטאַלינישן אַרבעט־סטיל, איינער פון די אָנפירער פון דער לענין־סטאַלינישער פּאַרטיי און איר נאַציאָנאַלער פּאָליטיק, האָט געוויזן, ווי אַזוי דער טראָפּ דאַרף געשטעלט ווערן. אַן אָנהויב פון אַ גרויסער זאַך.

אַ גרויסער אָנהויב — אָן שום ספק. ווער עס האָט דערפילט דעם פּולס פון דער שטאָט ביראָ־בידזשאַן, געזען ווי די שטאָט וואַקסט ממש פאַר די אויגן, ווער עס האָט געזען די פאַבריקן, קאָלווירטן, די אידישע טעכניקומס און קינדער־שולן, די אידישע טראַקטאָריסטן און קאָמבאַינער מוז זאָגן: אַ גרויסער אָנהויב.

צוליב דער גרויסער זאַך איינוועסטירט די סאָוועטן־רעגירונג דורך אירע פאַרשיידענע פאָלקס־קאָמיסאַריאַטן הונדערטער מיליאָנען רובל אויף קאָלווירטן, הייזער, שולן, פאַבריקן, קולטור. און די פּאַרטיי און דער קאָמיוג וואַרפן אַריבער אַהער זייערע אָנגעזעענע טוער.

פאַר די לעצטע פאַר יאָר, זינט די אידישע אויטאָנאָמע געגנט איז פּראָקלאַמירט געוואָרן, איז גאָר אַ סך אויפגעטאָן געוואָרן. די וואָס זיינען דאָ ניט געווען די פאַר יאָר, אָדער אפילו אַ יאָר, וועלן די שטעט און קאָלווירטן בוכשטעבלעך ניט דערקענען! שטויסט איר זיך ווידער אָן אויף מענטשן, וואָס זאָגן אייך, ווי „נעכטן איז דאָ גאָרניט געווען". באַגעגנט איר בליענדיגע ישובים, זעט איר שוין אַ מחנה פון קאַרגע טויזנט סטודענטן אין די אידישע הויכשולן פון דער שטאָט ביראָ־בידזשאַן. נעמט איר אַלץ צוזאַמען — מיט דער טאַיגאַ, מיט דער ווערגלאָזיגקייט, מיטן מאַנגל אין דירות און אין אידישער קולטור אין פיל ערטער — און איר זאָגט זיך:

— יע, אַ גרויסער אָנהויב פון אַ גרויסער זאַך — די „א י ד י ש ע ס אָ צ י אַ ל י ס ט י ש ע א ו י ט אָ נ אָ מ ע ס אָ ו ו ע ט י ש ע ר ע פּ ו ב ל י ק, ד ע ר מ ל ו כ ה ׳ ש ע ר ט י ט ל פ ו נ ם א י ד י ש ן פ אָ ל ק", ווי דאָס איז פאָרמולירט אין אַן אַרטיקל אין דעם נייעם רייכן זשורנאַל „פאַרפאַסט", וואָס האָט אָנגעהויבן אַרויסגיין אין ביראָ־בידזשאַן און וועלכער איז אויך אַן אויסדרוק פון דעם גרויסן אָנהויב.

**אידישע אויטאָנאָמע געגנט,**
**אָנהויב סעפּטעמבער, 1936.**

# די שטאָט בירא־בידזשאַן

ווען איר גייט איבער דער אָקטיאַבער־גאַס, די הויפּט־גאַס פון דער שטאָט בירא־בידזשאַן; ווען איר גייט אין פּאַרק פון קולטור און אָפּרו, וואָס געפינט זיך אויף אַן אינזל צווישן דעם טייך בירא און אַן אויסגוס פון דעם טייך; ווען איר שפּאַצירט פאַרביי די טעכניקומס, דעם אידישן טעאַטער, האָט איר דאָס געפיל, אַז איר געפינט זיך אין אַ גאָר גרויסער שטאָט, און נישט אין אַ שטאָט, וואָס פאַרמאָגט אינגאַנצן אַכצן־צוואַנציק טויזנט איינוואוינער.

די שטאָט בירא־בידזשאַן, הויפּט־שטאָט פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט, איז באמת דאָס, וואָס אַמעריקאַנער רופן אַן: „די ביגגעסט ליטל טאַון" — די גרעסטע קליינע שטאָט. דער פאַרנעם, דער אימפּעט, דער גאַנ־צער פולס, איז ווי פון אַ גרויס־שטאָט, טאַקע ווי פון אַ הויפּט־שטאָט• וואָרום אפילו נישט אַלע גרויסע שטעט האָבן מלוכה־טעאַטערס, טעכניקומס. בירא־בידזשאַן האָט עס.

אָבער דער עיקר אין בירא־בידזשאַן איז די בויאונג. בירא־בידזשאַן בייט איר אויסזען פשוט פון שעה צו שעה, פאַר אייערע אויגן. און דאָס איז דאָס וואונדערלעכסטע, דאָס ראָמאַנטישסטע, וואָלט איך געזאָגט.

מענטשן געדענקען נאָך די „סטאַנציע טיכאָנקע", ווי בירא־בידזשאַן האָט פריער געהייסן. ביים וואָקזאַל שטייט נאָך דאָס אַלטע הילצערנע הויז, וואו עס האָט געקאָפּטשעט אַ קעראָסין־לאָמפּ. דאָס איז געווען דער וואָקזאַל פון יענער סטאַנציע. אַז אַ באַן פלעגט זיך שוין דאָ אָפּשטעלן, פלעגט עס זיין אויף אַ פּאָר מינוט.

„סטאַנציע טיכאָנקע" האָט אין 1929, שוין אַ יאָר נאָך דעם ווי די געגנט איז באַשטימט געוואָרן פאַר אידישער איבערוואַנדערונג, געהאַט נישט מער ווי צוועלף הונדערט מענטשן...

פון דעם אַלטן הילצערנעם הויז איז דער וואָקזאַל אריבער אין אַן אַנדער אַלט הילצערן הויז, אַ גרעסערס. דאָ איז שוין אויפגעהאָנגען געוואָרן די שילד: „בירא־בידזשאַן", אויף אידיש און רוסיש. און איצט גייט שוין דאָס הויז אויך אַוועק אין אַרכיוו. עס ווערט שוין געעפנט דער נייער

וואָקזאָל — אַ שיינע געביידע, מיט וועלכער עס וואָלטן זיך נישט געהאַט וואָס צו שעמען גאַנץ גרויסע שטעט אין אַמעריקע.

דערציילן שוין די וואָקזאַלן אַליין די געשיכטע פון דער שטאָט.

און דאָ לאָמיר זיך שוין באַקענען מיטן הויפּט־ פונם נייעם וואָקזאַל. ער איז אַ אידישער איבערוואַנדערער פון אַרגענטינע, ב ר ו ך וואָלמאַן. געקומען אין 1932, געהאָלפן בויען באַראַקן וואו צו וואוינען. קיין שפּייז האָט מען פון זומער אויף ווינטער נישט צוגעגרייט (אָדער נישט געהאַט מיט וואָס) און עס איז געווען ביטער. און הייזער האָט מען געדאַרפט בויען, כאָטש קליינע הייזלעך, ווי מען האָט געבויט צום אָנהויב. עס איז געווען שווער.

איצט דערציילט ער עס אין נחת. ער איז דער הויפּט פון נייעם וואָקזאַל. זיין פאָטער, אַ שמיד, אַרבעט אין „ראָד פון רעוואָלוציע“ און פאַרדינט גוט. אַ שוועסטער איז געשיקט געוואָרן לערנען אין מאָסקווע. די פאַמיליע האָט זיך אַרויפגעאַרבעט.

האָט איר אַ שטיק פון דער לעבעדיגער ראָמאַנטיק פון בירא־בידזשאַן.

פירט אייך חבר וואָלמאַן אַריין צום הויפּט פון דער אָרטיגער באַן־פּאַרוואַלטונג, גיט אייך יענער איבער עטלעכע זייער אינטערעסאַנטע פאַקטן.

די צאָל אַרבעטער ביי דער סטאַנציע איז פון פעברואַר ביז אויגוסט 1936 אויסגעוואַקסן פון 70 אויף 170. זעכציג פּראָצענט פון די אַרבעטער זענען שוין אידישע. צווישן זיי אויך אידישע מאַשיניסטן, לאָקאָמאָטיוו־פירער. אין פעברואַר האָט מען אויסגעלאָדן דרייסיג (30) וואַגאָנען טעג־לעך — אין אויגוסט צוויי הונדערט (200) טעגלעך. אין פעברואַר האָט די סטאַנציע פאַרמאָגט צוויי (2) קילאָמעטער אייזנבאַן־וועג — אין אויגוסט אַכט און דרייסיג (38) קילאָמעטער, און מען בויט נאָך!

פאַקטן, וואָס גיבן אייך איבער עטוואָס וועגן דעם אימפּעדיגן וואוקס פון דער שטאָט בירא־בידזשאַן.

טאָ לאָמיר דורכגיין דורך די הויכע טירן פון נייעם וואָקזאַל אין שטאָט אַריין.

עס עפנט זיך פאַר אייך אַ גרויסער פּלאַץ, וואָס מען גרייט זיך צום אַספאַלטירן, און גלייך אַנטקעגן וואַקסט אויס פאַר אייך אַ ברייטע גאַס, מיט בוימלעך פון ביידע זייטן. איר גיט אַ קוק אויפן אידישן שילדל: „אַ ק ט י אַ ב ע ר ג אַ ס“. אַנדערע שילדן, אויף אידיש און רוסיש, דערזעט איר אויף דעם ערשטן הויז: שטאָט־ראַט, פאָלקס־געריכט, רע־דאַקציע „בירא־בידזשאַנער שטערן“. (אייך פאַלט גלייך איין, אַז עס מוז זיין אַ היפּש ביסעלע איינגלעך אין דעם הויז).

גייען מיר ווייטער. אָבער פּאַרזיכטיג. ווייל מען איז נאָך נישט פאַרטיג מיטן אַספּאַלטירן די גאַס מיט די ברייטע טראָטואַרן. איצט איז שוין בעסער. ווען איך בין אָנגעקומען האָט מען געהאַלטן אין גראָבן. מען האָט אויסגעגראָבן דעם ליימיגן באָדן, כדי אָנצושיטן אַ טרוקענעם פונדאַמענט. זענען דערווייל אויסגעפאַלן שווערע רעגנס און איבער דער גאַס און אויף די „טראָטואַרן" האָבן זיך געשאַפן גאַנץ היפשע טייכלעך און בלאָטעס. איצט גייען שוין אַזעלכע זאַכן אויך אַוועק אין דער פאַרגאַנגענהייט — אויף דער גאַס.

איז לאָמיר גיין איבער די צייטווייליגע הילצערנע ברעטער־טראָטואַרן. עס שניידט אונז איבער אַ גאַס — פּ אָ ס ט י ש ע ו ו ־ ג אַ ס. דער וועג אויף לינקס פירט צו אַ גאַנץ וויכטיגע אינסטיטוציע — אַ באָד. ווען מען קומט צופאָרן שליסט מען גלייך באַקענטשאַפט מיט איר. אויך זי איז אַ נייע (און זי איז שוין קליין און מען טראַכט שוין וועגן בויען אַן אַנדערע). אין יענער געגנט געפינט זיך אויך אַ ניי־פאַבריק. אָבער מירן אַהין איצט נישט גיין, ס'איז ווייטלעך. מירן זיך פאַרנעמען אויף רעכטס. דער וועג פירט צום מלוכה־טעאַטער, אַן אָנגענעמע געביידע, מיט אַ הילצערן גערטל פון פאַרנט, מיט בענק, מיט אַ רעסטאָראַן דערנעבן, וואו געקומענע מוזיקאַנטן שפּילן אָפט אַ פריילעכס. דער וועג פירט נאָך ווייטער צו צוויי גרויסע געמויערטע געביידעס — די אידישע קינדער־שול און די קאָמיטעטן פון דער פאַרטיי און פון די סאָוועטן פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט.

אָבער גיין איז שווער. מען מוז זיין זייער פאַרזיכטיג אפילו ווען קיין בלאָטע איז ניטאָ. מען בויט הייזער. מען בויט אַ געביידע פאַר אַ צענטראַלע ביבליאָטעק. מען בויט אַ געביידע פאַר אַ צענטראַלע דרוקעריי. פאַרנעמט איר זיך צוריק אויף דער אָקטיאַבער־גאַס און זעצט פאָר גיין אין דער ריכטונג צום טייך בירא — בויט מען ערשט! דאָ בויט מען אַ גרויסע געביידע פאַר אַ קינאָ. דאָ גלייכט מען אויס גאַסן. דאָ בויט מען נייע געביידעס פאַר די טעכניקומס. שווער צו גיין איבער די גאַסן פון בירא־בידזשאַן.

אָבער דער אימפּעט שטעקט אָן, באַוועגט שטאַרקער דעם פּולס, מאַכט לייכטער דעם טראָט.

פופצן טעג בין איך אַזוי געגאַנגען אונטער דער מוזיק פון זעגן און האַמערס. געגאַנגען איבער קלאַדקעס, ספּאַטיקעט זיך אָן קלעצער (וואוינונג־געביידעס זענען אַלע הילצערנע). אַריינגעפאָרן מיט אַ שוך אין בלאָטע, נאָך די גרויסע יולי־רעגנס, אָדער געגאַנגען דורכן שטויב פון לאַסט־אויטאָמאָבילן, פורלעך, און פון ערשטן אָמניבוס, וואָס פירט איבער דער בירא

צו דער „סאָפּקע“, צום באַרג — אַהין וואו עס וועט זיך ערשט אויסלייגן די קומענדיגע שטאָט (כאָטש אמת איז, אַז מען האָט געדאַרפט לייכטער מאַכן דאָס גיין איבערן שטאָט!).

פאַר מיינע אויגן האָבן זיך אין די פּופּצן טעג פאָרמירט נייע גאַסן, האָבן זיך געהויבן צענדליגער ברייטע צוויי־שטאָקיגע הילצערנע געביידעס, זענען געוואַקסן די ליכטיגע געמויערטע געביידעס פון דער נייער ניי־פאַבריק, וועלכע וועט אַריינגעמען דריטהאַלבן טויזנט אַרבעטער, די געביידע פון וועגנער־זאַוואָד, און אַנדערע אונטערנעמונגען, קולטור אַנשטאַלטן. איך האָב געכאַפּט דעם אימפּעט פון דער מאָרגנדיגער שטאָט בירא־בידזשאַן, פון אַ גרויסן קולטורעלן און אינדוסטריעלן צענטער. און דערביי האָט אויך געשטעקט דער שווערער נעכטן.

איבער די גאַסן פון בירא־בידזשאַן זעט איר הייזער און הייזלעך פון אַלערליי סטילן. זיי זענען פאַר צו דערציילן אייך די געשיכטע וועגן דער טראַנספאָרמאַציע פון דער שטאָט — פונם דאָרף טיכאָנקע ביז דער איצטיגער שטאָט בירא־בידזשאַן.

איר זעט נאָך אַ זעמליאַנקע, אַ נאָרע אין דר'ערד, וואָס דערלעבט אירע לעצטע טעג צוזאַמען מיט אַ סך הייזלעך אויף הינערשע פיסלעך. איר זעט אַ פאַרבליבענע פויערשע הויז פון טיכאָנקע, וואו מען פלעגט „איינאָרדנען“ געקומענע איבערוואַנדערער אויף נאַכט־לעגער. איר זעט דעם ערשטן „גיגאַנט“, אַ צוויי־שטאָקיגע הילצערנע הויז, גרין געפאַרבט, וואָס ווערט באַלד אַרונטערגעריסן, ווייל דאָס איז נויטיג כדי אויסצוגלייכן די גאַס.

אין בירא־בידזשאַן בויט מען איצט — חוץ אַ סך וואוינונג־הייזער — די פאָלגנדיגע אַנשטאַלטן און אונטערנעמונגען: קינאָ, שפּיטאָל, ביבליאָטעק, דרוקעריי, רוסישע שול, אינטערנאַט פאַרן פּעדאַגאָגישן טעכניקום, אַ לערן־קאָרפּוס פאַרן באַרג מאַטעלורגישן טעכניקום, אַן אָפּרו־הויז, אַ שרייבער־הויז, אַ זויגלינג־הויז, אַ באַנק הויז, די ניי־פאַבריק, וועגנער־פאַבריק, רעמאָנט־מעכאַנישער ווערקשטאַט, עלעקטראָ־סטאַנציע. דאָס אַלץ אין אַ שטאָט, וואָס האָט פאָרט נישט מער ווי אכצן צוואַנציק טויזנט איינוואוינער.

גייט איר פשוט אויף רעשטאַוואַניעס.

דאָרט וואו עס ענדיגן זיך די שיינע און מיט אוצרות רייכע בערג, סאָפּקעס, פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט, וואַקסט אַ אידישער סאָציאַליסטישער צענטער, וואַקסט — דורך אַ סך פרייד און דורך אַ סך לייד, דורך גרויסע שוועריקייטן און גרויסע נצחונות, ציט אייך אַריין מיט זיין אימפּעט.

אויפֿן טאָג־אָרדנונג שטייט איין וואָרט: ב ו י ע ן. דאָס איז דער לייט־מאָטיוו פֿון דער שטאָט בירא־בידזשאַן. אויב אָן אונטערנעמונג, אָדער אנשטאַלט, בויט זיך נישט פֿון דאָס ניי — פֿאַרגרעסערט זי זיך. די מעבל־פֿאַבריק „דימיטראָוו", די האָלץ־פֿאַבריק „דעטאַל" (דאָ ארבעטן כמעט דורכאויס איקאָר־מאַשינעס), די פּאַניר־פֿאַבריק, די קינדער־שולן, דער „בירא בידזשאַנער שטערן" — אַלץ פֿאַרגרעסערט זיך. קאָנט איר זיך אפשר פֿאָרשטעלן, וואָס אין דער „גרעסטער קליינער שטאָט" בירא־בידזשאַן טוט זיך אָפּ. דאָס איז איין גרויסער בוי־פּלאַץ, א „קאָנסטראָקשאָן קעמפּ".

און מענטשן דארף מען — גוואַלט צו שרייען! און מענטשן קומען נייע יעדן טאָג. איז טומלדיג. כאַפּט מען זיך אריין אין האַלב־פֿאַרטיגע הייזער, אין באַראַקן. איז ענג און שמוציגלעך. א שטאָט האַלט אין ווערן.

עס זיינען דאָ אין דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט שענערע און בעסערע ערטער, ווי דאָס אָרט, וואו בירא־בידזשאַן בויט זיך. די שטאָט בירא, פֿופֿציג קילאָמעטער פֿון בירא־בידזשאַן (אויף מערב) ליגט אויסערגע־וויינלעך שיין, הויך, מיט מאַלעריש־אָנציענדיגע האָריזאָנטן. דאָס זעלביגע בירקאַן, זעכציג קילאָמעטער אויף מערב פֿון בירא. אָבער די שטאָט בירא־בידזשאַן בויט זיך פּונקט אויפֿן גרעניץ פֿון דעם באַרגיגן טייל פֿון דער געגנט אין דעם פּלאַכן טייל. אויב מען קאָן זיך אזוי אויסדריקן: אויפֿן גרעניץ פֿון אינדוסטרי און לאַנדווירטשאַפֿט. איז דער האָריזאָנט אויף מערב א באַרגיקער. אויף די אַנדערע דריי זייטן ליגט פּלאַכלאַנד. ליידט נאָך די שטאָט פֿון פֿאַר־טרינקעניש ווען די בירא „צעשפּילט" זיך, ווען עס פֿאַלן אויס שווערע רעגנס — ביז מען וועט די בירא איינצאַמען, ביז מען וועט שאַפֿן קאַנאַליזאַציע (דאָס ווערט שוין געפּלאַנעוועט).

אָבער דעם טייך בירא הויבט מען שוין אָן איינגאַנצן אריבערשפּרינגען. דאָרט, העבער, באַרגיקער, ווערן שוין געשטעלט די ערשטע געביידעס פֿון דעם נייעם שטאָט־טייל. אזוי אז די קוועלנדיגע און שנעל־לויפֿנדיגע בירא וועט אויסקומען אין מיטן דער שטאָט.

דאָס איז „צוקונפֿט מוזיק", עס קאָן נאָך דויערן אודאי — א יאָר, אָדער צוויי . . .

בירא־בידזשאַן איז א שטאָט, וואָס האַלט אין ווערן, און אזוי האַלט דאָ אין ווערן די אידישע סאָציאַליסטישע קולטור. אויך זי איז נאָך האַלב־פֿאַרטיג. אויך זי וואוינט נאָך אָפֿט אין א באַראַק. צווישן די אידישע אויפֿשריפֿטן אויפֿן וואָקזאַל, אין רעסטאָראַן, אויף די גאַסן, אין די געשעפֿטן, טרעפֿט איר צו־אָפֿט שלעכטן — אמאָל שפּאַסיגן — אידיש. שטעטלשע איבערוואַנדערער

שלעפּן אָפּט מיט זיך מיט שטעטלשע אָפּגעלאָזנקייט, שטעטלשע קולטורלאָזיקייט. און די חתונה־מעלאָדיעס, די באַדעקנס־געוויינען און די האַפּקע־פריילעכס, וואָס די מוזיקאַנטן פון אוקראַינע און ווייס־רוסלאַנד לאָזן הערן ביים עסן אין דעם גרויסן (און גאַנץ אָנשטענדיגן) רעסטאָראַן, שטעלן נאָך ווייט נישט פאָר מיט זיך דעם נייעם, ביראָ־בידזשאַנישן אידישן סטיל.

אָבער איר האָט דעם מלוכה־טעאַטער און די הויך־שולן, וואָס זיינען שוין הויפּט־שטאַטיש לויט זייער פאַרנעם און אינהאַלט (וועגן די קולטור־אַנשטאַלטן באַזונדער). און איר האָט די מלוכה׳שע קראַפט הינטער דער אידישער שפּראַך — אפילו ווען די מיידלעך אויף דער פּאָסט רעדן נאָך שלעכט אידיש (אַזוי די אָנגעשטעלטע אין אַנדערע אינסטיטוציעס). און עס איז שוין דאָ אין ביראָ־בידזשאַן אַ באַדייטנדיגע משפחה אידישע שרייבער, לערער, קולטור־טוער. די אידישע קולטור ווערט צעמענטירט, שטאַרקט זיך מיט יעדן טאָג, נייע כחות קומען צו כסדר, נייע סומען ווערן אַסיגנירט פון דער רעגירונג און אין די הויך־שולן איז שוין באַלד דאָ אַ טויזנט סטודענטן (און זיי קריגן געהאַלט, ווי עס פירט זיך אין סאָוועטן־פאַרבאַנד).

עס בויט זיך אַ לעבן גאָר פון דאָס ניי.

איר דאַרפט זיך שטאַרק אָנשטרענגען פאָרצושטעלן זיך, אַז עס האָט ווען עס איז עקזיסטירט אַ אידישער לופט־מענטש! דאָס איז דאָ פּשוט אַ באַגריף פון פאַרגאַנגענע צייטן, פון פאַרגעסענע דורות. איר האָט דאָ איין סאָרט אידן, איין סאָרט איינוואוינער בכלל: אַרבעטנדיגע מענטשן.

יונגנטלעכע מענטשן. אין אַ פאַרנאַכט, אין פּאַרק פון קולטור און אָפּרו, וואונדערט איר זיך: פון וואַנעט נעמען זיך אַזוי פיל יונגע מענטשן אין דער שטאָט? יונגע מענטשן, יוגנטלעכע מענטשן — אַלץ איינס ווי אַלט מען איז? און איר פאַרענטפערט זיך: ס׳איז די קראַפט פון אַ נייעם לעבן.

„עס גייט צו דיר, טאַיגאַ, יונג ווערן אַ פאָלק“, האָט געזונגען פּרץ מאַרקיש. דאָס אַלטע פאָלק איז אינגער געוואָרן.

אידישע אויטאָנאָמע געגנט,
אָנהויב סעפּטעמבער, 1936.

# אויף די פעלדער פון ביראָפעלד און פריילאַנד

מיר זיינען געשטאַנען אויף אַ הויכן באַרג — די „באָמבע“ — און גע־קוקט אויף די פעלדער פון די קאָלווירטן (קאָלעקטיווע פאַרמס) ביראָפעלד און פריילאַנד.

מיט מיר איז געווען דער חבר מ. ב ײ נ פ ע ס ט, איינער פון די עלטסטע (אָדער דער עלטסטער) טוער אין ביראָ־בידזשאַן. ער איז געקומען אַהער אין 1927, מיט דער ערשטער אויספאָרשונג־קאָמיסיע, גענומען אַ גרויסן אָנטייל אין דער פּיאָנערן־אַרבעט אין דער געגנט. איצט איז ער דער פאָר־זיצער פון דער וויסנשאַפטלעכער קאָמיסיע ביים אויספיר־קאָמיטעט פון די סאָוועטן פון דער געגנט. איז ער אַרויסגעפאָרן מיט מיר איבער די קאָלווירטן.

ווען מיר זיינען אַרויף אויפן סאַמע שפּיץ באַרג, פאַרסאָפּעטע און פאַר־שוויצטע פון קלעטערן (און פון דער היץ סוף יולי) איז ער געבליבן שטיין אַ צופרידענער, מיט אַ בליק וואָס האָט געזאָגט:

— נאַ, זע דאָס צוגעזאָגטע (און געגעבענע) לאַנד!

עס איז געווען אויף וואָס צו קוקן. פאַר אונז האָט זיך אויסגעשפּרייט אויף אַלע פיר זייטן אַ גרינער טאָל, פלאַכלאַנד, באַגאָסן מיט זון. בלויז ער־טערווייז איז דער טאָל געווען באַאַרבעט. דאָס זיינען געווען די פעלדער פון צוויי קאָלווירטן. העט־אונטן האָבן זיך געזען די הייזער פון די צוויי ישובים. דער סאַמע גרעסטער טייל פונם טאָל, אַזוי ווייט ווי דאָס אויג האָט געקאָנט כאַפּן, ביז די באַרגיגע האָריזאָנטן, איז געווען ניט באַאַרבעט.

פון רעכטס אויף לינקס האָט אַ ווייסע לענטע דורכגעשניטן דעם טאָל און איז פאַרשוואונדן אין די בערג. דאָס איז דער וועג פון דער שטאָט בירא־בידזשאַן ביז בליוכעראָוואָ, ביים ברעג פון אַמור. מיט דעם וועג זיינען מיר נעכטן געקומען אַהער פון דער שטאָט בירא־בידזשאַן.

דאָס איז דער ערשטער גוטער וועג אין דער געגנט. ניט קיין אַספאַל־טירטער נאָך, אָבער עס פאָרט זיך גוט. ער לאָזט געניסן פון דער שיינקייט פון דער נאַטור.

עס איז וואַלדיג און באַרגיג. עס גרינט און בליט — עכט, אינטענסיוו. דער אומפאַרמיידלעכער פּרימאָרגנדיגער טוי וואַשט דאָ אָפּ אַלע טאָג יעדעס גרעזל, יעדע בלאַט און יעדע בלום. ק אָ ל י ר ן ז ײ נ ע ן ד אָ פ ר י ־

שע, זאַפטיגע. ווען די מאַשין הויבט זיך אויף אויף אַ סאָפּקע (בערגל) — שפּרייט זיך אויס פאַר די אויגן אַ רייכע קאָלירפולע געוויקסן־וועלט. בלויע בערג פלעכטן זיך איינס אין אַנדערן אויף די האָריזאָנטן. די לופט איז טער־פּקע־שטאַרק, האָניגדיג.

אַרום צוועלף קילאָמעטער פון שטאָט האָט זיך אונזער מאַשין אָפּגע־שטעלט. מיר זיינען אַריין אין דער האָניג־פאַרם, וואָס געהער צום בירא־פעלדער קאָלווירט אויף קיראָוו'ס נאָמען. מיר האָבן דאָ געטראָפן פופצן הונדערט בינשטאָקן!

די רייכע געוויקסן־וועלט שטעלט צו די בינען אָן אַ שיעור בלומען־שפּייז. דאָס נוצן אויס די קאָלווירטן. עס זיינען פאַראַן קאָלווירטישע האָ־ניג־פאַרמס, און איר טרעפט ביי אַ סך קאָלווירטניקעס בינשטאָקן אויף זיי־ערע גערטנער לעבן זייערע הייזער, אָבער די בירא־פעלדער האָניג־פאַרם איז די גרעסטע דערוויל.

אָפּגענומען דעם ערשטן גרוס פון דער שפע פונם לאַנד און — געפאָרן ווייטער. צום בירא־פעלדער ישוב איז נאָך געווען אַ שעה צום פאָרן און מיר האָבן באַשלאָסן פאַרקירעווען, איידער עס ווערט טונקל, צום פּרואוו־פעלד, וואו עס ווערן געמאַכט לאַנדווירטשאַפטלעכע עקספּערימענטן.

דער וועג איז דאָ שוין געווען אַ ביטערער. עטלעכע מאָל איז אויסגע־קומען אַרויסשלעפּן די מאַשין פון בלאָטע (ס'איז געווען נאָך די יולי־רעגנס). מיר זיינען אָנגעקומען אויפן פּרואוו־פעלד פאַרנאַכט־צו. אויסגעבאָדן זיך אין דער „בירעשקע" (אַ טייך אָדער אַ קוואַל איז דאָ אַלע מאָל פאַראַן צום האַנט), אָפּגעגעסן אָוונט־ברויט, דורכגעשפּאַצירט זיך מיט'ן דירעקטאָר פון דער פּרואוו־סטאַנציע, חבר מיטנאָוויצקי, און — געשלאָפן די ערשטע באַקענטשאַפט מיט די „באַרימטע" . . . פליגעלעד.

אין דער שטאָט בירא־בידזשאַן האָבן זיי מיר שוין אָנגעהויבן אויס־פעלן. שוין־זשע זיינען טאַקע די פליגעלעד אינגאַנצן פאַר־שוואונדן? אין דער שטאָט ווייסט מען מער ניט פון זיי. אַזוי אין באַזעצטע ישובים בכלל. אָבער דאָ, אין נאַקעטן פעלד (די פּרואוו־סטאַנציע פאַרמאָגט אינגאַנצן אַ צענדליג הייזער) רודעווען זיי נאָך! ווען דער אָוונט פאַלט צו. דאָ האָדעווען זיך די פאַרשיידענע משפחות זייערע, וואָס אַלע צוזאַמען הייסן זיי „גנוס" און וואָס בייסן בייסן זיי ווי קאָמאַרעס (מאָסקיטאָס) בייסן אומעטום, נאָר מיט מער עקשנות, אויך עכטער און אינטענסיווער, ווי די גאַנצע נאַטור דאָ . . . באַ־זונדערס וואָרפן זיי זיך אַרויף אויף אַ גאַסט (די אָרטיגע זיינען שוין מער־וויניג צוגעוואוינט).

די דאָזיגע פליגעלעך, אויף וועלכע געגנער פון בירא־בידזשאַן האָבן געהאַט שטאַרק אויסגערעכנט, זיינען אפילו אין די פאַרוואָרפענע ערטער ניט אַזאַ ערנסטע פּראָבלעם. בייטאָג זיינען זיי ניטאָ און אין אָוונט קאָן מען מיט דראָטענע „זיפּלעך" אויף די פענצטער, אָדער מיט מאַרליע (בינדע, גאָוז), לאַכן פון זיי ווי מען לאַכט פון קאָמאַרעס און פליגן אין אַמעריקע. אָבער אַ גאַסט פון אַמעריקע, ווען ער האָט די חוצפּה צו לייגן זיך דאָ שלאָפן לעבן אַ ניט־באַשיצטן אָפענעם פענצטער, וואָס גייט אַרויס אין פרייען פעלד אַריין, רעכנט מען זיך מיט אים אָפּ . . .

חבר ביינפעסט, וועלכער איז געשלאָפן אין דער אַנטקעגנדיגער בעט, האָט זיך אויף מאָרגן געוואונדערט, וואָס איך בין שלעכט געשלאָפן. און איך האָב זיך ווידער איבערצייגט, ווי מענטשן קאָנען זיך אומעטום אַקלי־מאַטיזירן.

אָבער איך האָב שוין פאַרנומען צופיל אָרט מיט די פליגעלעך — זיי זיינען שוין דאָ קיין פּראָבלעם ניט. איך האָב עס געטאָן, ווייל איך ווייס, אַז די לייענער אינטערעסירט נאָך די פראַגע.

אויפן פּרואוו־פעלד האָבן מיר אין דער פרי פאַרבראַכט עטלעכע דער־קוויקנדיגע שעה. מיר האָבן פאַרבראַכט מיט אַ גרופּע טוער און וויסנשאַפט־לער, וואָס איז פאַרנומען מיט אויספּרובירן וואָס און ווי אַזוי מען דאַרף צום בעסטן פאַרזייען אויף די פעלדער פון דער געגנט; ווי אַזוי צו קריגן אַ העכערע גערעטעניש; ווי אַזוי „צוצוגעוואוינען" פרוכטן און ביימלעך פון אַנדערע געגנטן צום היגן קלימאַט, און אַזוי ווייטער.

מיר האָבן שפּאַצירט צווישן כוואַליעס אויפגעגאַנגענעם ווייץ אויף באָדן, וואָס איז נאָך קיינמאָל ניט געווען באַאַרבעט (ביז איצט האָט מען געהאַלטן, אַז די ערשטע יאָרן קאָן די נייע ערד ניט געבן קיין גוטע ווייץ־גערעטעניש). מיר האָבן געזען אַ גוטע גערעטעניש פון סאָיע, לויט אַ סיס־טעם, וואָס פאָדערט ווייניגער אַרבעט, ווי ביז איצט. מיר האָבן געזען בוימ־לעך פון אַלערליי יאַגאָדעס און פרוכטן, וואָס האָבן זיך שוין „אָנגענומען" אויפן היגן באָדן, אָדער וואָס זיינען נאָך אין פּראָצעס פון צופּאַסן זיך. מיר האָבן געזען אַ נייעם עקספּערימענט ווי אַזוי צו פּראָדוצירן רייז אויף טרו־קענע פעלדער, ווי אַזוי צו הויבן די ווייץ־גערעטעניש נאָך העכער.

עס איז געווען באמת אַ חיות צו באַקענען זיך מיט די אַגראָנאָמען־וויסנשאַפטלער — בויער פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט. מיט וואָס פאַר אַ ליבשאַפט זיי האָבן געגלעט יעדן געראָטן צווייגל, יעדן פולן זאַנג!

דאָ אַרבעט דער פּראָפעסאָר ב ר ו ק, איינער פון די פּיאָנערן פון דער געגנט. דאָ אַרבעט די וויסנשאַפטלעכע טוערין ק ל אַ ר אַ ש ט ש ו פּ אַ ק,

דער „מיטשורינגעץ“ (אָדער בוירבענק) ב נ י מ י ן  ג י ט ל י ץ. קלאַרא שטשופאַק, וועלכע איז אַ פיזיאָלאָג פון געוויקסן, איז אויך אַ מיטגליד פון אויספיר־קאָמיטעט פון די סאָוועטן פון דער געגנט. מיט ליב און לעבן זיינען זיי אַלע איבערגעגעבן זייער אַרבעט. פעלדער און סעדער אין דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט ווען נאָך באַווייזן וואונדער מיט זייער הילף!

אין אַן אויפגעלייגטער שטימונג האָבן מיר זיך געזעגנט. דאָס שלעכטע שטיקל וועג ביז׳ן הויפט־וועג האָט שוין ניט געהאַט דעם ביטערן טעם, וואָס נעכטן (מיר האָבן אויך געוואוסט ווי אַזוי אויסצומיידן געפערלעך־בלאָטיגע ערטער). מיר זיינען אַרויף צוריק אויפן גוטן וועג — קיין בּיראָפעלד און פריילאַנד (אַלעקסעיעווקע).

מיר האָבן אויסגעמיטן בּיראָפעלד, געפאָרן ביז פריילאַנד. דאָ האָבן אונז באַגעגנט צוויי רייען נייע הייזער פון ביידע זייטן וועג. ביז׳ן ערשטן אָקטאָבער האָט מען געזאָלט אויסבויען 85 נייע הייזער פאַר נייע איבער־וואַנדערער (אַ באַזונדערע הויז פאַר יעדער פאַמיליע). אַ פּאָר צענדליק היי־זער זיינען שוין געווען פאַרטיג. די בוי־אַרבעט הינקט־אונטער.

דער ישוב איז דאָ נאָך אַ שוואַכער. אינגאַנצן 42 פאַמיליעס, און בלויז 26 פון זיי געפינען זיך דאָ איין יאָר און העכער. פאַראַיאָרן האָט מען פאַר־זייט אינגאַנצן 160 העקטאַר לאַנד. היינטיגן יאָר — שוין 390 העקטאַר (ווייץ אַליין 160). בינשטאָקן האָט דער קאָלווירט דערווייל 200. דער ישוב האַלט אין ווערן. מיר זיינען אַריין אין עטלעכע הייזער — נייע און אַלטע. די אַלטע איבערוואַנדערער, די מייסטע פון זיי שוין באַפעסטיגטע, האַלטן, אַז די נייע „גייט צו גוט“. און באמת טאַקע: דער נייער איבערוואַנדערער קריגט אַ הויז פאַר זיך (צוויי־דריי צימערן מיט אַ קיך), אַ שטאַל מיט אַ קו, אַ גאָרטן, און מעבל און פּראָדוקטן אויף 800 רובל, ביז דער נייער גערע־טעניש.

— ווען מיר וואָלטן עס געקראָגן! — זאָגן די אַלטע איבערוואַנדערער. און באַלד דערהערט איר, ווי געוויינלעך, געשיכטעס פון אַמאָליגע שוועריג־קייטן, וואָס מען דערציילט איצט אין נחת.

מען קאָן ניט זאָגן, אז יעדער נייער איבערוואַנדערער וואַרפט זיך באַלד אַריין אין דער אַרבעט, גיט אַכטונג אויף זיין גאָרטן, באַפעסטיגט זיין באַ־לעבאַטישקייט. איך האָב דאָ, ווי אין אַנדערע ערטער, געזען שטעטלשע איבערוואַנדערער, וואָס האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך דעם גאַנצן שטעטלשן שמוץ, די אָפּגעלאָזנקייט, און אַמאָל אויך דעם ווידערווילן צו אַרבעט. איר עפנט אַ טיר אין אַ שטוב פון אַזאַ איבערוואַנדערער, וועלכע איז (קיין עין הרע) אָנגעשאָטן מיט קינדער, און — וווייטער פונם שוועל קאָנט איר ניט גיין...

עס פאָדערט זיך נאָך אַ סך אַרבעט דאָ אויפן אָרט. דערפאַר איז שלעכט וואָס פּריילאַנד־אַלעקסעיעווקע האָט נאָך ניט קיין קלוב. אַ פינף־יאָריגע שול (אידיש און רוסיש) איז אַלץ וואָס דער ישוב פאַרמאָגט. עס איז אָבער אַ פעסטער געזעץ, אַז אָן קולטורעלע אינסטיטוציעס וועט מען דעם בעסערן איינוואַנדערער גאַנץ אָפט ניט האַלטן און דעם ערגערן איינוואַנדערער — ניט איבערדערציען.

עס איז אמת, אַז בּיראָפעלד איז באַלד דערנעבן, אָבער דאָס איז ניט גענוג.

אויפן וועג פון פריילאַנד האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אין בּיראָפעלד. דער ישוב איז עלטער, פעסטער. דאָ איז פאַראַן אַ אידישע שול, אַ שפּיטאָל, אַ זויגלינג־הויז (נוירסערי), אַ לייען־ווינקל. אַ קלוב ווערט געבויט. אָבער דאָ פעלט אַ ביבּליאָטעק, אַ קינדער־היים, ראַדיאָ — אַלץ זאַכן, וואָס נאָר „וואַלדהיים" פאַרמאָגט דערווייל.

בּיראָפעלד בויט 150 נייע דירות (דאָס איז די פּראָגראַם). דער קאָל־ווירט פאַרמאָגט אַ סטאַדע פון 105 שטיק, פאַרקויפט מילך אין שטאָט. פאַרזייט היינטיגן יאָר האָט מען העכער 400 העקטאַר (פאַראַיאָרן 284). אַ האָניג־פאַרם, ווי מיר האָבן געזען האָט דער קאָלווירט גאָר אַ וואַזשנע — פון 1,500 בינשטאָקן.

מיר האָבן גערעדט מיט איינער פון די עלטסטע און חשוב'סטע פאַ־מיליעס פון בּיראָפעלד — מיטן קאָניוך (פערד־אויפזעער) לישניאַנ־סקי און זיין פרוי. פאַראַיאָרן האָבן זיי געקראָגן אויף זייער חלק 38 פּוד האָניג (טויזנט מיט 520 פונט!), 150 קילאָגראַם ווייץ, קאַרטאָפל, 800 רובל מזומן געלט. די פאַמיליע האָט אַ קו, אַן אָקס, הינער, 9 חזירים, אַ גאָרטן.

זי לעבט שוין זאַט און פאַרמעגלעך, די פאַמיליע לישניאַנסקי, און ווערט געאַכט אין גאַנצן ישוב. זיי ווילן אַרבעטן און קאָנען אַרבעטן און — האָבן זיך אַרויפגעאַרבעט, ווי אַ סך עלטערע איינוואוינער. איצט קלייבט זיך די פאַמיליע אַריין אין אַ נייַ הויז, און די לישניאַנסקיבע רעדט וועגן אַ פּיאַנאָ.

דער מאַנגל אין אַרבעט־קראַפט און אין גוטע אַרבעטער האָט זיך ביז איצט אָפּגערופן אויף די גערעטענישן. ווי ס'איז צו זען, איז צופיל ווייץ פאַראַיאָרן ניט אויסגעקומען אויף אַ פאַמיליע. אָבער היינטיגן יאָר דער־וואַרט מען אַ סך מער. אי מען האָט פאַרזייט אַ סך מער, אי מען האָט בעסער געאַרבעט — עטוואָס בעסער — און, דער עיקר, איצט איז דאָ מער טראַקטאָרס, קאָמבּאַינען.

די מעכאַניזאַציע פון דער לאַנדווירטשאַפט גייט מיט ריזן־טריט איִן דער איִדישער אויטאָנאָמער געגנט. איִן 1934 האָט די געגנט געהאַט 73 טראַקטאָרס, 4 קאָמבאַינען. איִן 1936 — 216 טראַקטאָרס, 21 קאָמבאַינען. זיי זיינען איינגעטיילט איִן זיבן מאַשין־טראַקטאָר־סטאַנציעס, וואָס יעדע פון זיי באַדינט אַ סך ישובים.

די מעגלעכקייטן זיינען ערשט איצט פאַראַן זייער גרויסע. אַ הויז, אַ קו און אַ גאַנצע באַלעבאַטישקייט פאַר יעדער פאַמיליע, מאַשינען, ערד איז פאַראַן איבערגענוג — ערשט איצט קאָן מען פאַנאַנדערפירן די הענט! זאָל נאָר די הייזער־פּראָגראַם דורכגעפירט ווערן.

זיינען מיר געשטאַנען איִן דער הויך אויף דער „באָמבע", אַראָפּגעקוקט איִן פרוכטבאַרן טאָל און געמאַכט אַ רעכענונג. פון אונטן, פון עטלעכע ברייטע גאָלדענע פּאַסן לאַנד, האָט אונדז געגריסט דער אויפגעגאַנגענער ווייץ פון די צוויי ישובים. אָבער מיר האָבן געזען פאַר זיך נאָר אַן אָנהויב. מיט דער הילף פון די נייע קאָלווירטן וואָס מען קלייבט זיך דאָ שאַפן, מיט די פּאָר הונדערט נייע הייזער — און ניי־געקומענע משפחות — איִן ביראָפעלד און פריילאַנד, וועלן מיר דאָ האָבן אַן אמת'ן ווייץ־טאָל, אַ מעכטיגע שפּייז־קאַמער פון דער געגנט.

מיר זיינען אַראָפּ פון באַרג מיט אַ געפיל, אַז דאָ גייט עס באַרג אַרויף. עס זיינען דאָ שוועריגקייטן מיט'ן מענטשן־מאַטעריאַל, מאַנגל איִן בוי־אַרבעטער, מאַנגל איִן גוטע אָנפירער־בויער, מאַנגל איִן פאַרטיגן בוי־מאַטעריאַל (ווי איִן דער גאַנצער געגנט), אָבער עס גייט גאַנץ אַנטשיידן פאָר־אויס.

איִדישע אויטאָנאָמע געגנט,
אָנהויב סעפּטעמבער, 1936.

# איבערן אַמור

נאָך עטלעכע טעג אין וואַלדהיים, אין אינדוסטריעלן ישוב לאָנדאָקאָ, אין דעם ראַיאָן־צענטער בירע, בין איך אַרויס איבער דער „לייִנג און ברייט" פון דער געגנט.

דער אויטאָמאָביל האָט ווידער געטראָגן איבערן וועג קיין ביראָפעלד־פֿרייַלאַנד, אָבער דאָס מאָל האָבן מיר זיך ניט אָפּגעשטעלט. פֿאַר די זעקס־זיבן טעג זינט דעם ערשטן וויזיט אַהער, האָב איך באַמערקט, זייַנען צוגע־קומען צו די צוויי ישובים נאָך נייַע הייזער. גוט.

דער וועג איז אַן אויסגעצייכנטער, אָבער אָפֿט מוז מען זיך פֿאַרהאַלטן. מען בויט. לאַסט־אויטאָמאָבילן פֿירן אַלערליי מאַטעריאַלן. די 115 קילאָ־מעטער קיין בליוכעראָווע, ביים ברעג פֿון אַמור, האָבן מיר „געמאַכט" (פֿון דער שטאָט בירע־בידזשאַן) אין דריי שעה.

אַמאָל איז מען דעם וועג „געפֿאָרן" — וואָכן! ס'איז געווען זומפּ און בלאָטע. עס איז אויסגעקומען אַרויסצושלעפּן די פֿערד פֿון בלאָטע. מען האָט געדאַרפֿט מיטנעמען ביידלעך אויף איבערנעכטיקן, שפּייַז. און איצט — דריי שעה!

דער וועג האָט זיך כסדר געצויגן דורך וואַלד און גרין־פּליושענע סאָפּ־קעס (בערגלעך). נאָר דאָ און דאָרט האָט זיך דורכגעריסן אַ שטיק פּלאַכ־לאַנד. די קאָלירפֿולע און שמעקעדיקע געוויקסן־וועלט האָט געהאַלטן געפֿאַנגען.

— אָט איז דער אַמור און אָט איז מאַנדזשוריע, — האָט דער שאָפֿער איבערגעריסן. — מיר זייַנען שוין באַלד אין בליוכעראָווע.

אויפֿן האָריזאָנט האָט זיך באַוויזן אַ ברייטער זילבערנער פּאַס, דער אַמור. אויף דער אַנדערער זייַט — ווידער בערג.

ברייטער ווי געוויינלעך איז דער אַמור געווען. ער האָט זיך געהאַט „צעשפּילט" און האָט פֿאַרגאָסן אין בליוכעראָווע עטלעכע גאַסן. צופֿאָרן צום אויספֿיר־קאָמיטעט מיט'ן אויטאָמאָביל האָט מען ניט געקאָנט. מען האָט געמוזט איבערזעצן זיך אין אַ ניט־איבעריק שטאַרקן וואָגן. אַרייַן איז מען אין וואַסער ביז איבער די אַקסן. אַרום און אַרום איז געווען איין גרוי־סע אָזערע. די געפֿאַר אַרייַנצופֿאָרן אין אַ גרוב האָט באַאומרויִקט. דאָס וואַסער האָט אָפֿט האַלב אָנגעפֿילט דעם וואָגן. אָבער דער חבר, וואָס האָט

מיד געפירט האָט באַרואיגט מיט זיין זיכערקייט און מיט זיין געדולד. אַט־אַזוי קומט אויס צו אַרבעטן! עס איז היינטיגן יאָר געוועז צופיל רעגן און עס פאָדערט זיך אַ סך אַרבעט צו באַשיצן די ישובים פון פאַרפלייצונג.

— אין אַמעריקע מאַכן זיך אויך פאַרפלייצונגען? — האָט דער חבר געפרעגט עטוואָס אַ פאַרשולדיגטער (און ער איז ניט געווען דער איינציגער).

איך האָב אים דערציילט וועגן דער פאַראיאָריגער פאַרפלייצונג אין פיטסבורג און אין צענדליגער און הונדערטער אַנדערע שטעט און שטעטלעך אין אַמעריקע. ער האָט זיך אַביסל באַרואיגט, אָבער ער האָט צוגעגעבן:

— ביי אונז וועט עס ניט זיין, איר'ט זען.

דער פאָרזיצער פון אויספיר־קאָמיטעט פון בליוכעראָווער ראַיאָן, חבר קאַשעוווסקי האָט אויפגענומען זייער וואַרים. אָבער נאָכדעם ווי מען האָט אָפּגעטרונקען טיי און צוגעביסן, האָט ער אָנגעהויבן זיינע טענות: מען דאַרף איבערוואַנדערער! איינגאַנצן זיינען פאַראַן דריי אידישע קאָלווירטן (קאָלעקטיווע פאַרמס) און זיי זיינען נאָך קליין. עס ליגן העכער צוויי טויזנט העקטאַר לאַנד גרייט צום באַאַרבעטן!

חבר קאַשעוווסקי איז אַ בלאָנדער סיביריאַק מיט בלויע אויגן. מען רופט אים אָבער „דער עלטסטער איד" אין בליוכעראָוואַ, ווייל געקומען איז ער אַהער אין 1928, ווען די געגנט איז באַשטימט געוואָרן פאַר אידישער איינוואַנדערונג.

די אידישע אויטאָנאָמע געגנט פאַרמאָגט פינף ראַיאָנען: בירא־בידזשאַנער, בירער, סטאַלינסקער, בליוכעראָווער, סמידאָוויטשער. די לעצטע דריי האָבן די גרעסטע שטרעקעס פלאַכלאַנד. אין סמידאָוויטשער ראַיאָן דאַרפן נאָך גרויסע שטח'ן ערד אויסגעטריקנט ווערן, אָבער דער סטאַלינסקער און בליוכעראָווער ראַיאָנען האָבן ריזיגע רעזערוון לאַנד, וואָס מען קאָן שוין נוצן. נאָר דער גאַנצער בליוכעראָווער ראַיאָן, מיט קאַרגע זעקס טויזנט קוואַדראַט קילאָמעטער לאַנד, פאַרמאָגט ניט מער ווי דריי טויזנט איינוואוינער!

דאָס ביסל איינוואַנדערער, וואָס איז געקומען אַהער האָט זיך זייער גוט איינגעאָרדנט. פיל פון זיי זיינען פאַרמעגלעך. פאַראַן דאָ אַ קליינער שניידער־אַרטעל. יעדער שניידער האָט אַן אייגענע ווירטשאַפט, אַ גרויסן גאָרטן, קי, הינער אין די צענדליגער.

דער חבר קאַשעוווסקי האָט געשריען דעם געשריי פון דער גאַנצער געגנט: מענטשן! ער האָט גערעדט וועגן די רייכקייטן פון דעם בליוכעראָווער ראַיאָן. די חבר'טע קאַשעוווסקי האָט דערציילט וועגן אַ נייעם הייל־קוואַל, וואָס מען האָט אין דעם ראַיאָן אַנטדעקט — אַזאַ וואונדערלע־

כער וואַסער־קוואַל, וואָס איז אַ רפואה געגן רומאַטיזם, ווי די קוואַלן פון דעם קוראָרט קולדור (יענע קוואַלן זיינען אָבער הייסע).

זיי האָבן געלויבט די שיינקייט פון דעם ראַיאָן און — דער בליק איז בסדר געווען צוגעשמידט צום אַמור, וועלכער האָט זיך געזען פון פענצטער.

עס איז געווען אַ מילדער אויגוסט־אָוונט, אַ לבנה'דיגער. נאָר־וואָס איז געווען אַ זון־אונטערגאַנג, וואָס האָט אָפּגעשפּילט אַ קאָלירן־סימפאָניע איבערן אַמור און זיינע גרינע באַרגיגע ברעגן. און איצט האָט די לבנה גענומען כישוף'ן.

ערגיץ זינגט מען לידער וועגן וואונדערלעכן דניעפּער, וועגן ראַין, וועגן אַנדערע טייכן. מען וואָלט געדאַרפט צוזאַמענגעמען אַלע לידער און מאַכן איינע פאַרן אַמור.

אַלץ איינס — פאַרן זון־אונטערגאַנג, פאַרן כישוף'דיגן אָוונט, אָדער פאַרן זון־אויפגאַנג, ווי עס האָט זיך מאָרגן אַרויסגעוויזן.

אָבער די שיינקייטן זיינען ערשט געקומען מיט אַ טאָג שפּעטער.

פון כאַבאַראָווסק איז אָנגעקומען די דאַמף־שיף „טשיטשערין" — אַן אַלטע (שלעכטע) שיף נאָך פון פאַר דער מלחמה, וואָס ציילט שוין אירע לעצטע סעזאָנען. די מיטלען פאַר אויסלאָדן און אָנלאָדן זיינען נאָך פּרימיטיווע. די שיף איז געשטאַנען אין האַפן דריי שעה...

עס איז שוין געווען שפּעט נאָכמיטאָג ווען מיר האָבן זיך גערירט. מיר זיינען אַריין צווישן צוויי ברעגן — דעם סאָוועטישן, פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט, און דעם מאַנדזשורישן. דאָס דאָזיגע פאַרן אויפן גרעניץ פון צוויי וועלטן האָט דעם ברייטן־ברייטן אַמור צוגעגעבן נאָך אַ ספּעציעלן קאָליר.

אויף דער סאָוועטישער זייט האָט זיך געצויגן פּלאַכלאַנד, לאַנקעס, — שיר ניט אַ שטיק אוקראַינישע לאַנדשאַפט. אָבער דער אַמור איז ניט דער דניעפּער: דער אַמור איז ברייט, אַן אמת'ע אָזערע, און דער אַנדערער (מאַנדזשורישער) בערג איז — באַרגיגע טאַיגאַ.

אַ גרעניץ־וועכטער, וואָס פאַרט צו זיך אויפ'ן פונקט, זאָגט מיר, אַז די טאַיגאַ אויף דער „אַנדערער" זייט און די גרויסע זומפּן דאָרטן, זיינען קאָלאָסאַלע נאַטירלעכע שטערונגען פאַר די יאַפּאַנישע אָנגרייפער. אָבער דאָס הייסט ניט, אַז די גרעניץ־וואַך שלאָפט. וואו מען דאַרף זיינען די וועכטער דאָ.

דער אָנבליק זייערער האָט מיר דערמאָנט אָן זייערע חברים, צען־צוועלף טויזנט קילאָמעטער ווייט פון דאַנען, ביי די אידישע שטעטלעך פון אוקראַינע און וויים־רוסלאַנד, און דעם זעלביגן וואַרימען געפיל האָבן זיי אַרויס־

גערופן, ווי בשעת איך בין אריבער פון סטאָלפּצי (פּוילן) קיין ניעגאָרעלאָיע, די ערשטע סאָוועטישע סטאַנציע.

צוויי זייערע זיינען געפאָרן מיט מיר צוזאַמען. לאַנג איז מען געזעסן אין לבנה־שיין אויפן דעק, צווישן די צוויי ברעגן, און געשמועסט וועגן דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט, וועגן אַמעריקע, וועגן פאָלקס־פראָנט אין פראַנקרייך. וואָס פאַר אַ ליבע, ציכטיגע חברים, וואָס פאַר אַ ריינע און זיכערע הענט!

אין דער פרי זיינען מיר אָנגעקומען אין ס ט אָ ל י נ ס ק. דאָ געפינט זיך אין צענטער פון ישוב אַ ברודער־קבר פון צוויי גרעניץ־וועכטער, וואָס האָבן אָפּגעגעבן זייערע לעבנס ביים ראַטעווען די פערד פון אַ אידישן קאָלווירט, ווען יענע זיינען אריין אין וואַסער.

אַ גאַנצן טאָג זיינען מיר אַזוי געפאָרן פארביי ריזיגע שטרעקעס לייזיג פלאַכלאַנד. ערשט שפּעט נאָכמיטאָג איז געקומען דער גרויסער אידישער ישוב אַ מ ו ר ז ע ט.

אָרטיגע טוער, וואָס זיינען צוגעקומען צום שיף, האָבן אָנגעזאָגט: די גערעטעניש איז אַ גוטע! עס אַרבעטן שוין ביי אונז די קאָמבאַינען!

מיר האָבן זיך געזעגנט ביז סעפּטעמבער („איר וועט טרעפן פולע שפייכלערס", האָט מען מיר נאָכגעזאָגט), די שיף איז אַוועק ווייטער, איז אריין אין די כינגאַן־בערג, דער שענסטער געביט פונם אַמור און איינער פון די שענסטע טייך־לאַנדווירטשאַפטן וואָס מען קאָן ערגיץ־וואו זען!

כ'האָב געזען דעם ראַין און דעם מיסיסיפּי, דעם נילוס און די טעמזע, עס לאָזט זיך קוים מאַכן אַ פאַרגלייך!

דער „גרויסער טייך" („אַמור" איז דער טייטש: „גרויס" אויף גיליאַקיש), האַלט כסדר אין איין אויסבויגן זיך פאַר די באַרגיגע ברעגן און עס אַנטוויקלען זיך אַלץ נייע פאָרמען, וואָס הערן ניט אויף צו באַצויבערן מיט זייער שיינקייט. די באַרגיגע ברעגן באַצווינגען מיט זייער מעכטיגקייט און אין דער זעלביגער צייט לאָסטשען זיי מיט זייער ווייכקייט און זאַפטיגקייט. דער וואַלד אויף די בערג שפּיגלט זיך אויף דער זון ווי פּליוש פון אַלערליי קאָלירן. דאָס וואַסער איז באַזוימט מיט ווילדע בלומען. עס שטראָמען פון די בערג לעבעדיגע קוואַלן. די לופט איז אַ שמעקעדיגע, אַ דערפרישנדיגע.

די פּאַסאַזשירן קאָנען זיך ניט אָפּרייסן פון דער לאַנדשאַפט. מאָמענטנווייז דאַכט זיך, אַז שוין, עס קאָן שוין מער קיין נייעס ניט זיין, אָבער באַלד גיט זיך די שיף אַ בויג אויס און עס עפנט זיך אַ נייער צויבער־ווינקל.

א רוסישער אַרבעטער טענה'ט, אַז „אונזער אידישע געגנט“ בויט זיך ניט גענוג גיך, באַהערשט ניט די רייכקייטן. ער אָנערקענט די שוועריג־קייטן, אָבער ער איז אומגעדולדיג.

— גיט אַ קוק, וואָס מיר פאַרמאָגן! — ווייזט ער אָן מיט דער האַנט. — גאָלד און קוילן און אייזן. היינט וואַלד! און וואָס פאַר אַ בינשטאָקן מען קאָן דאָ שטעלן, אין די צענדליגער טויזנטער! און אויף יאַגד צו גיין איז דאָ אַ מחיה! און די שטיקער ליידיגע לאַנד, פלאַכע לאַנד, האָט איר געזען? אַלץ איז דאָ פאַראַן!

איידער מיר זיינען אַריין אין די כינגאַן־בערג זיינען מיר פאַרבייגע־פאָרן אַן אַלטן ישוב, ק א ל י נ י נ ס ק (געוועזענע יעקאַטערינאָ־ניקאָלסק). זיינען קאָלווירטניצעס אַרויסגעקומען צום שיף מיט טעפּ און פלעשער און פּעסלעך מילך און האָניג און אוגערקעס און אייער. און אָנגעטאָן זיינען אַלע געווען אויסערגעוויינלעך גוט. איר האָט געהאַט פאַר זיך אַ בילד פון אַ זאַטן און פאַרמעגלעכן לעבן. דער אַרבעטער האָט עס דערמאָנט.

— אַלץ איז דאָ פאַראַן! לאַנדווירטשאַפט, אינדוסטריע! מען דאַרף נאָר בויען!

די פּאַסאַזשירן האָבן זיך פאַרקוקט אויף אַ שטיק זייער גראַציעזן וואַלד אויף איינעם פון די בערג. „צווישן די בוימער קריגט מען גוטע מאַסטן פאַר שיפן“, זאָגט אימיצער. און אַזוי קוקנדיג האָבן מיר אַליין ניט באַמערקט, ווי די בערג האָבן זיך צעעפנט און האָבן אַנטפּלעקט מיט־אַמאָל גרויסע גאָלדיגע שטח'ן — ווייץ־פעלדער פון אַן אַנדערן אַלטן ישוב „סאָיוזנאָיע“.

ווידער איז דער טייך באַהערשט געוואָרן פון נייע באַרג־פאָרמען, און דער זון־אונטערגאַנג האָט גענומען שפּינען אַלערליי קאָלירן־געוועבן אויפן באַרגיגן פּליוש. און די ריחות האָבן אַזש גענומען פאַר'שיכור'ן. די לבנה איז אויפגעגאַנגען און מען איז געבליבן זיצן פאַרטראַכטע, געקוקט אויפן באַזילבערטן טייך, אויף די פאַר'כשופ'טע ברעגן.

שפּעט ביינאַכט האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ קליינינקן ישוב, „פּאָמפּעיעווקע“. וואָס פירט צו די גאָלד־גרובן ביים טייך סוטאַרי — די ערשטע גאָלד־גרובן פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט (זיי שטייגן אי־בער דעם פּלאַן).

געגאַנגען שלאָפן אַ זיסן שלאָף (כאָטש די שיף איז אַ שלעכטע, אַן אַלטע, און עס האָט ניט געפעלט דאָס, וואָס די אַמאָליגע בערדיטשעווער האָטעלן האָבן פאַרמאָגט...). אָבער ס'האָט זיך געשלאָפן געשמאַק.

אויפגעכאַפּט זיך באַגינען — די שיף שטייט לעבן אַ ישוב פון עט־

לעבע הייזער. שטייט און שטייט — צען שעה איז זי אַזוי געשטאַנען!

דאָ האָט מען אָנגענומען האָלץ פאַר דער לאַנגער רייזע ביז בלאַגאָ־וועשטשענסק, און צוריק ביז כאַבאַראָווסק (די קעסלען ווערן געהייצט מיט האָלץ). דער אופן פון לאָדעווען דעם האָלץ איז געווען זייער אַ פּרימיטי־ווער, אויף „נאָסילקעס“, טראַג־ברעטלעך.

דאָ איז טאַיגאַ, ניט־באַהערשטער געביט. פון טעכניק איז דאָ ניט פאַראַן נאָך קיין סימן (כאָטש אַ געוויסע פאַרבעסערונג האָט מען געמעגט צוטראַכטן שוין).

די פּאַסאַזשירן זיינען צוביסלעך אַוועק זיך באָדן אינם אַמור, איינ־קויפן פרישע אוגערקעס אין די עטלעכע גערטנער. פונם שיף האָבן זיך געטראָגן מוזיק־קלאַנגען: מען האָט אויסגעפּרובירט די פּלאַסטניקעס פון אימיצנס אַ פּאַטעפאָן.

צום ברעג האָט זיך דערטראָגן עפּעס אַ באַקענטלעכע מעלאָדיע. אויף אַ מאָמענט האָט זיך גערדאכט, אַז מען געפינט זיך ביים מיסיסיפּי, אָדער ביים האַדסאָן. דער פּאַטעפאָן האָט געשפּילט די נעגערשע ליד: „וואָ־טער באָי“...

Water boy, where are you hiding? — האָט זיך געטראָגן איבערן אַמור דאָס ליד פון אונטערדריקטע נעגערס אויף די הייסע קאַטן (באַוול) פעלדער אין די דרום־שטאַטן פון אַמעריקע.

וואָס זאָגט די טרויעריגע מעלאָדיע מיט די אומפאַרשטענדלעכע ווער־טער די פּאַסאַזשירן אויפן „טשיטשעריין“?

דאָס נעגערשע ליד איז פאַרביטן געוואָרן מיט רוסישע מעלאָדיעס. מיט־אַמאָל דערטראָגט זיך צום ברעג:

„דער רבי האָט געוואָלט ווייַן טרינקען,
און קיין ווייַן איז ניטאָ
האָט דער רבי באַפוילן: ווייַן זאָל ווערן!
און ס'איז מקוים געוואָרן אין איין האַלב שעה“.

דאָ, אין דעם לאַנד פון ברידערלעכן צוזאַמענלעבן צווישן נאַציעס, איז פאַראַן אַ ברייטער אינטערעס צו דער קולטור פון די פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן. דאָס זעט מען אויך אינם אינטערעס צו פאָלקס־לידער — רוסישע, אוקראַינישע, אידישע, גרוזינישע, אַלץ איינס. צווישן די גראַ־מאָפאָן־פּלאַטן פון רוסן האָב איך כמעט אַלע מאָל געטראָפן אידישע פאָלקס־לידער. אין דעם קוראָרט קולדור, אין דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט, האָב איך געטראָפן אַן אַרמיי־קאָמאַנדיר, אַ רוס, וועלכער האָט זיך אויפן שפּאַציר פאַנאַנדערגעזונגען:

„זאָלסט ניט גיין מיט פּאַטשאַיעווער מיידעלעך“.

דער אַקצענט איז געווען זייער אַ שלעכטער, און די באַדייטונג פון די ווערטער האָט דער קאָמאַנדיר ניט קלאָר געוואוסט. אָבער ער האָט פאַרמאָגט פּלאַסטניקעס מיט אידישע פאָלקס־לידלעך, האָט ער געכאַפּט עטלעכע ווערטער...

און אָט שפּילן דאָ פּאַסאַזשירן, רוסן, דאָס ליד פונם רבינ'ס מופתים, און איבערן אָמור צעטראָגט זיך דער צווינג ווענן די חסידימלעך, וואָס „פילן דערבייַ אַזאַ מין טעם, וואָס קיין מתנגד פילט עס אודאי ניט“...

ביים ברעג פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט, וועלכע איז אַ רעזולטאַט פון דער לענין־סטאַלינישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק, איז געווען ווי סימבאָליש דער אינטערנאַציאָנאַליזם, וואָס איז אַ רעזולטאַט פון געזונטע, סאָציאַליסטישע, נאַציאָנאַלע אינטערעסן, סאָציאַליסטישער נאַציאָנאַלער קולטור.

נאָכמיטאָג, צוויי טעג נאָכדעם ווי מיר זיינען אַרויסגעפאָרן פון בליובעראָווע, זיינען מיר אָנגעקומען אין קליינעם אַלטן ישוב פ א ש ק א ו ו. דאָס איז דער לעצטער פונקט פונם אָמור אין דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט — פאָרנדיג אויף מערב. איך בין אַראָפּ זיך באַקענען מיטן נייעם אידישן קאָלווירט „רויטער שטערן“ און — מיט דער טאַיגאַ, מיטן אוראַלטן ווילד־וואַלד, וואָס מען האָט געמוזט דורכשניידן כדי צוצוקומען צו דער באַן־ליניע, אויף צפון פון דער געגנט.

אידישע אויטאָנאָמע געגנט,
אָנהויב סעפּטעמבער, 1936.

# אַכט שעה אין דער טאַיגאַ

דער וועג פון פּ אַ ש ק אָ ו ו צום קאָלווירט (קאָלעקטיווע פאַרם) „רויטער שטערן", ביים אַמור, איז געווען טיילווייז פאַרגאָסן. מיט עטלעכע קאָלווירטניקעס האָב איך זיך אַריינגעזעצט אין אַ שיפל. אהער האָט מען אויך אַריינגעפּאַקט שפּייז פאַר די פעלד־אַרבעטער און אַ פילם.

אונזער קליין שיפל האָט ניט געהאַט געגוג כחות פאַרן אַמור, דער שטראָם יאָגט דאָ מיטן אימפעט פון די קוואַלן, וואָס לויפן פון די בערג. שווימען געגן דעם שטראָם איז פאַר אַ מענטשן אוממעגלעך. אונזער שיפל גייט געגן דעם שטראָם, וויגט זיך ווי אַ שפענדל אויפן גרויסן טייך.

געזונטע קאָלווירטישע מוסקולן, וואָס האָבן באַוועגט מיט די וועסלעס, האָבן פונדעסטוועגן בייגעקומען. מיר האָבן זיך פאַרקירעוועט אין אַן איינגוס פונעם אַמור און זיינען צוגעקומען צו אַ לאַנקע, פון וואַנען אַ פור האָט אונז געזאָלט נעמען צום קאָלווירט.

אויף דער לאַנקע איז געווען אַ טומל. עס האָבן זיך געטראָגן פריילעכע אויסרופן. דער מאָטאָר פון אַ טראַקטאָר האָט זיך געלאָזט הערן.

אַ גרופּע יונגע מעכאַניקער מיט אַן אַגראָנאָם פון דער מאַשין־טראַקטאָר סטאַנציע, וואָס באַדינט דעם „רויטן שטערן", איז געשטאַנען לעבן אַ קאָמבאַין, וואָס איז נאָך טיילווייז געווען אין וואַסער. אויבן, העכער אויפן ברעג, איז געזעסן אַ טראַקטאָריסט אויף אַ „סטאַלינעץ", אַ 60־פערדיגער קייטן־טראַקטאָר. אַלע האָבן טריאומפירט. זיי האָבן נאָר־וואָס אַריבערגעשלעפּט דעם קאָמבאַין פון יענער זייט איינגוס, אויף אַ היימיש־געמאַכטן פּאַראָם. נאָך איין ריכטיגן שלעפּ פונם „סטאַלינעץ" און דער קאָמבאַין איז אינגאַנצן אויפן ברעג.

מען האָט צורעכט־געמאַכט די דראָטענע שטריק צווישן דעם טראַקטאָר און דעם קאָמבאַין.

— נו, גיב נאָר דאָרטן אַ נעם! — שרייט מען צום טראַקטאָריסט

— דאַיאָש!

דער „סטאַלינעץ" הויבט אָן שיסן מיטן מאָטאָר, שטריינגט אָן זיינע 60 פערד קראַפט. דער קאָמבאַין בעט זיך איבער און לאָזט זיך שלעפּן ארויף, ארויף, אונטער אַ טריאומפירנדיגן הורא.

פאַרטיג געוואָרן מיטן קאַמבאַין האָט מען זיך אומגעקערט צום „פּאַ־ראַם" און מען איז אַריבער צוריק אויף יענער זייט איינגוס אַרויסשלעפּן צוויי 15־פערדיגע טראַקטאָרס, וואָס זיינען צוזאַמען מיטן קאַמבאַין פאַר־האַלטן געוואָרן צוליב דעם, וואָס דער אַמור האָט זיך געהאַט „צעשפּילט".

די זון האָט זיך גענומען זעצן און איבער די ברעגן פון אַמור און פונם איינגוס האָבן גענומען שפּילן ליכט און שאָטן, קאָלירן אויף קאָלירן. אָבער די פאַרכאַפּנדיגע נאַטור־שפּיל האָט דאָס מאָל געהאַט אַ שטאַרקן קאָנקור־רענט אין דער דראַמע אויף יענער זייט איינגוס, וואו בויער פון דער אידי־שער אויטאָנאָמער געגנט האָבן געקעמפט פאַר צוויי טראַקטאָרס.

מען האָט געדאַרפט דעם „פּאַראָם" אַוועקשטעלן און האַלטן אַזוי, אַז אַ טראַקטאָר זאָל אַרויפפאָרן אויף אים פונם ברעג (מיט דער הילף פון אויס־געלייגטע ברעטער). די מאַשיניסטן און דער אַגראָנאָם האָבן אַריינגעטאַנצט אין וואַסער אַריין, איינגעשפּאַנט זיך אין „פּאַראָם", צוגעשלעפּט אים, מאַ־נעווירט אַזוי, אַז דער טראַקטאָר זאָל אי אַרויף און אי דעם „פּאַראָם" ניט איבערקערן.

עס איז געווען אַן אָנגעשטריינגט שטיקל אַרבעט. אָבער עס האָט זיך איינגעגעבן. איז ווידער אַ הוראַ.

איצט האָט מען פאַרוויקלט פּאַפּיראָסלעך און מען האָט זיך געטראָגן מיטן „פּאַראָם" צו אונזער ברעג.

אַראָפּנעמען דעם טראַקטאָר איז געווען שווערער ווי אַרויפנעמען אים. און ער האָט זיך טאַקע פאַרהאַקט אינם בלאָטיגן גרונט ביים סאַמע וואַסער באַלד ווי ער איז פון „פּאַראָם" אַראָפּ. אָבער דער „סטאַלינעץ" איז גע־שטאַנען גרייט. פופצן פערד קראַפט איז ניט גענוג אויף די היגע ברעגן — זעכציג פערד קראַפט „נעמט".

איז ווידער פריילעך. האָט מען זיך אַוועקגעזעצט אויפן „פּאַראָם" אַ בים טאָן ברויט מיט אוגערקעס. עס זיינען אָנגעקומען צוויי רויט־אַר־מייאישע רייטער. מען האָט זיי אַרויפגענומען. זיי האָבן אַלע צוזאַמען גענומען שלעפּן די „פּאַראָם"־שטריק און פאַרצויגן די „דובינושקאַ" . . . מען האָט זיך געטראָגן צוריק צום צווייטן ברעג, נאָכ'ן אַנדערן טראַקטאָר.

די וואַלדיגע בערג האָבן מיט גאָלדיגע פלאַמען געברענט אין די לעצטע שטראַלן פון דער אונטערגייענדיגער זון . . . די פייער־רויטקייט אויף מערב האָט זיך ביסלעכווייז גענומען פאַרציען מיט אַש־גרוי.

מיר האָבן אָנגעצונדן אַ פייער צו פאַרטרייבן די קאָמאַרעס און די אַנדערע פליגעלעך, וואָס האָבן זיך איצט גענומען צו דער אַרבעט. אויף דער אַנדערער זייט האָט מען מיט שטורעם גענומען דעם צווייטן טראַקטאָר.

עס איז אָנגעקומען די פור און מיר זיינען אװעק. די קולות פון די העלדישע בױער פון דער אידישער אױטאָנאָמער געגנט האָבן זיך נאָך לאַנג געלאָזט הערן. װען מיר האָבן שױן געהאַט אָפּגעפאָרן א היפּשע שטיק, האָבן מיר דערהערט װי אַ מאָטאָר האָט זיך „צעאַרבעט“.

— נו, דער „סטאַלינעץ“ האָט שױן דעם אַנדערן טראַקטאָר אױך אַ „נעם“ געטאָן. מאָרגן װעלן זײ אַלע זײן אין קאָלװירט בײ אונז — האָט דער אָנטרײבער באַמערקט.

אין קאָלװירט זײנען מיר אָנגעקומען שפּעט אין אָװנט. די קאָלװירט־ניקעס, װעלכע לעבן דאָ אין דער צייט פון שניט „אויף די פעלדער“ (זייערע װאוינונגען געפינען זיך װייט פון דאַנען, אין דאָרף פּאַשקאָװו), זײנען געװען פאַרזאַמלט אין אײנעם פון די צװײ הײזער, װאָס האָבן זיך אױף די פעלדער געפונען און האָבן אױסגעהערט נײעס װעגן די געשעענישן אין שפּאַניע.

דער קאָלװירט „רױטער שטערן“ איז אַ נײער און דאָ טוט מען נאָך פּיאָנערן־אַרבעט, װי מען האָט מיט יאָרן צוריק געטאָן אין װאַלדהײם, בּיראָפעלד, אַמורזעט. פאַראַיאָרן, אינם ערשטן יאָר, האָבן אַ טײל ניט אױסגעהאַלטן. און די באַדינגונגען זײנען געװען נאָך שװערערע. קײן טראַקטאָרס און קאָמבאַינען, װי הײנט, זײנען ניט געװען. הײנטיגס יאָר װעט די גערעטעניש זײן ניט קײן שלעכטע, אָבער עס שטײט שאַרף די פראַגע — אױסבױען הײזער ניט װײט פון די פעלדער, און אַ קלוב, אַ שול און אַנדערע אינסטיטוציעס.

דאָ שטײט אױך די אַלגעמײנע פראַגע — די װעגלאָזיגקײט פון דער אידישער אױטאָנאָמער געגנט. עס איז דאָ אײן גוטער אױטאָמאָביל־װעג, פון דער שטאָט בירא־בידזשאַן איבער בּיראָפעלד און פרײלאַנד קײן בּליור־בּעראָװאַ, 115 קילאָמעטער. װײטער זײנען קײן גוטע װעגן ניטאָ. פונם קאָלװירט „רױטער שטערן“ ביז זײן ראַיאָן־צענטער, בּירא, איז העכער 150 קילאָמעטער, און דער װעג פירט דורך 40 קילאָמעטער טאַיגאַ (אוראַלטער װילדװאַלד).

איבערגענעכטיגט אין אַ בײדל, אױף אַ בערגל הײ, און אַרױס מיט די קאָלװירטניקעס צום שניט. אַ בריגאַדע אַרבעטער פונם שוסטער־שנײדער אַרטעל אין בּ י ר אַ ק אַ ן איז געקומען העלפן אַראָפּנעמען פון די פעלדער. זײ, צוזאַמען מיט די פּאַרטײ־מיטגלידער און אַנדערע פּיאָנערן־עלעמענטן פון קאָלװירט, האָבן געשלעפּט פאַראױס די איבעריגע מאַסע. אָבער מען מוז זאָגן, אַז זײער אַרבעט איז געװען ניט קײן לײכטע.

ניט פון יעדן קאָן מען דערװאַרטן העלדישקײט, שלאָפן װאָכן־לאַנג אין בײדלעך, עסן װאָס עס מאַכט זיך, זען זיך מיט דער פאַמיליע אײן מאָל

אין דער וואָך אָדער צוויי וואָכן (אין צייט פון פעלד־אַרבעט). די וואוינונג־פּראָגע וועט דאָ מוזן געלייזט ווערן וואָס גיכער. און — די קולטור־באַדינונג.

אָבער דאָ קומען מיר ווידער צום וועג. ווען איך בין געקומען צוריק קיין פּאַשקאָוו — מיט אַ פור און מיט אַ שיפל — און געקראָגן אַ פור צו דער נאָענטסטער באַן־סטאַנציע, אַ ב ל ו ט ש י ע, האָב איך ערשט דער־זען וואָס וועגלאָזיגקייט באַטייט.

די פערציג קילאָמעטער פון פּאַשקאָוו ביז אבלוטשיע ציען זיך דורך טאַיגאַ.

אַרום איז וואַלד. אייביגער וואַלד. ווען עס פלעגט זיך מאַכן אַ גלאַט שטיקל וועג, פלעגט מען הנאה האָבן פון דעם גרינעם אָקעאַן, וואָס האָט אונדז אַרומגענומען פון אַלע זייטן.

דאָ זיינען געוועזן די צעדער־בוימער, מיט וועלכע די געגנט איז אַזוי רייך, און דאָ זיינען אין די טויזנטער געשטאַנען די שלאַנקע ווייסע בעריאָ־זעס. ווייס און גרין, ווייס און גרין — דורכגעוועבט מיט אַלערליי קאָלירטע ווילדע בלומען, וואָס האָבן פאַרשמעקט די לופט.

וואַלד און וואַלד און מער גאָרנישט. עס איז אַוועק דער טאָג און דער וואַלד האָט זיך אָנגעצונדן אין זון־אונטערגאַנג. די קאָלירן האָבן געבלענדט און געלאַסטשעט. די שמעקעדיגע ריחות האָבן זיך געשטאַרקט.

ווער זאָגט, אַז די טאַיגאַ איז שרעקלעך? עס האָט זיך געוואָלט ווי־טער אָן אויפהער טראָגן זיך אין וואַלד.

אָבער — דער וועג, דער וועג!

דאָס, וואָס דער וואָגן האָט צעטרייסלט יעדעס ביינדעלע, איז נאָך ניט געווען דאָס ערגסטע. ערגער איז געווען, ווען מיר פלעגן דאַרפן אַרי־בערפאָרן אַ קוואַל, אַ טייכל.

קוואַלן און טייכלעך פעלן ניט אין דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט. דאָס איז אַ גליק. און צו דער שיינקייט פון דער טאַיגאַ גיבן זייער אַ סך צו די קלאָרע דערפרישנדיגע קוועלכעלעך, וואָס לויפן אָפט פאַרביי זייער שנעלן געלויף. אָבער ווען קיין געהעריגער וועג, מיט בריקן און בריקלעך, איז ניטאָ, קאָן מען אָסור אַנקוועלן פון די קוועלנדיגע וואַסערן.

די וואַסערן און וואַסערלעך איז אויסגעקומען דורכפאָרן אויף זייער אַ פּשוט'ן אופן: אַ ר י י נ פ אָ ר ן און אַ ר ו י ס פ אָ ר ן. איז מען אָפט אַריין ביז איבער די אַקסן. און ביים אַרויספאָרן האָבן די צוויי פערד־לעך זייער שווער געדאַרפט האָרעווען.

דער וועג האָט זיך אָפּגערופן אויפן וואָגן. מיר האָבן אים צוויי מאָל געדאַרפט פאַרריכטן. און דאָ פאַלט־צו די נאַכט.

איבער דער טײַגאַ האָט געהילכט אַ צאָרדיגער „וויאָ“ און „נו, אַ סוף זאָל עס נעמען!“ דער זייער גדולדיגער קאָלווירטניק, וואָס האָט די פערד־לעך אָנגעטריבן, איז אויך אַרויס פון געדולד.

עס האָבן זיך געצויגן די שעה'ן אַזוי, אַז עס האָט זיך אָנגעהויבן דאכטן, אַז מיר וועלן שוין פון וואַלד ניט אַרויס. און די טײַגאַ האָט שוין אַזאַ כוח, אַז פאַרבלאָנדזשעט ווערן אין איר איז גרינג.

פאַרוואָס האָבן מיר ניט אַ ביקס, אַ רעוואָלווער? טאָמער פאַרבלאָנ־דזשעט מען זיך, איז גוט צו האָבן מיט וואָס צו געבן סיגנאַלן.

די טײַגאַ נעמט אַרום ווי אַ שוואַרצע מאַסע. פון צײַט צו צײַט האָט מען זיך אָפּגעשטעלט און אָנגעצונדן אַ שוועבעלע, כדי צו זען ווי עס קוקט אויס דאָס וואַסערל, וואָס מען דאַרף אַריבערפאָרן (אויף צולאָכעס איז קיין לבנה ניט געווען). און עס איז פשוט געווען אַ געלעכטער: באַלייכטן די טײַגאַ מיט אַ שוועבעלע...

ביז — עס האָבן זיך באַוויזן פייערלעך, און נאָר דער, וואָס איז געפאָרן בײַנאַכט אין דער טײַגאַ אויף אַ שלעכטן און — דער עיקר — אומבאַקאַנטן (פאַר מיר) וועג, קאָן אָפּשאַצן, וואָס פאַר אַן אָנגעלייגטע זאַך פייערלעך זיינען, ווי זיי מאַניען און ציען...

מיר זיינען פאַרבייגעפאָרן אַ פאָסט אויפן וועג, וואָס פאַרנעמט זיך צו די גאָלד־גרובן.

— נו, נאָך צוויי שעה צו פאָרן — האָט מיין קאָלווירטניק געזאָגט אַ גוטע בשורה...

צוויי שעה אויף דעם וועג!

צוועלף בײַנאַכט, נאָך אַכט און אַ האַלב שעה פאָרן אין דער טײַגאַ, זיינען מיר אָנגעקומען אין אָבלוטשיע. איך האָב פאַרזוכט דעם טעם פון וועגלאָזיגקייט און געזען פאַרוואָס דעם קאָלווירט „רויטער שטערן“ איז שווער, און פאַרוואָס די גרויסע מאַסיוון ליידיג לאַנד ווערן ניט באַהערשט. **עס מוזן וואָס גיכער געשאַפן ווערן וועגן!**

אין ראַיאָן־צענטער האָב איך זיך שפּעטער דערוואוסט, אַז די צוגרייטונג־אַרבעט איז שוין אָפּגעטאָן און — „אויב איר וועט קומען איבער־אַיאָר וועט איר זען אַ גוטן וועג“. איך האָב געוואונשן, אַז אַזוי זאָל עס טאַקע זיין. דערווײַלע — עקזיסטירן נאָך די שוועריגקייטן פון באַהערשן אַ וואונדער־שיינע, פאַרביגע, זאַפטיגע און פרוכטבאַרע געגנט.

אידישע אויטאָנאָמע געגנט,
אָנהויב סעפּטעמבער, 1936.

# אויף די מאַרמאָר־בערג אין ביראַקאַן

מיטן אָנקומען צוריק אין אָבלוטשיע, די ערשטע באַן־סטאַנציע פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט (אויף מערב), האָב איך פאַרענדיגט דעם קרייז פון מיין רייזע איבער פיר ראַיאָנען פון דער געגנט:



פ. נאָוויק (לינקס) און דער דיכטער י. באשטשעוואַצקי אויף די פעלדער פון קאָלווירט „ניילעבן", ביי ביראַקאַן.

בירער, בירא־בידזשאַנער, בליוכעראָווער, סטאַלינסקער (דער פינפטער ראַיאָן, סמידאָוויטשער, ליגט אויף מזרח פון בירא־בידזשאַן־שטאָט און ער וועט מוזן גערעקט ווערן באַזונדער). דאָ האָב איך אָנגעהויבן נאָכאמאָל די רייזע איבער דער באַן, מיטן זעלביגן וועג, מיט וועלכן איך בין אין יולי צום

ערשטן מאָל אָנגעקומען אין דער געגנט. אָבער מיין ציל איז איצט — ב י ־ ר אַ ק אַ ן. די דריטע סטאַנציע נאָך אָבלוטשיע.

דער צוועק איז אַ צווייענדיגער: באַקענען זיך מיט ביראקאַן אַליין און פון דאָרטן פאָרן — ווידער ניט מיט דער באַן — אויף צפון, צום קור־אָרט פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט — ק ו ל ד ו ר.

צוליב דעם קוראָרט איז ביראקאַן שוין לאַנג באַוואוסט אויפן וויטן מזרח, אַזש ביז קאַמטשאַטקע און סאַכאַלין. די וואָס פאָרן זיך היילן, ווייסן, אַז זיי דאַרפן אַראָפּגיין אויף דער סטאַנציע ביראקאַן. דאָ טרעפט זיי אַן אַגענט פון דעם קוראָרט און פירט זיי אָפּ אין האָטעל, וואָס געהערט צום קוראָרט. דאָ וואַרטן זיי ביז אַ מאַשין נעמט זיי קיין קולדור. אָבער ביראקאַן ווערט איצט מיט יעדן טאָג אַלץ מער באַרימט צוליב דעם זייער שיינעם ראָזעווען און גרינעם מאַרמאָר, וואָס ווערט דאָ געגראָבן און געשליפן.

און ביראקאַן אַליין איז ווערט צו זען.

דער קוראָרט־האָטעל איז (דאַכט זיך) די איינציגע צוויי־שטאָקיגע געביידע אין ביראקאַן. קוקט איר אַראָפּ פון דער אויבערשטער וועראַנדע, זעט איר דאָס גאַנצע שטעטל.

אַ חנ׳עוודיג שטעטל. אַליין פאַרמאָגט עס טאַקע קליינע הילצערנע הייזלעך (און כמעט יעדעס הייזל מיט אַ גאָרטן פון קאַרטאָפל, אוגערקעס, פּאָמידאָרן), און ניט־ברוקירטע געסלעך. אָבער ליגן ליגט דאָס שטעטל צופוסנס אַ גרינעם באַרג, אָדער סאָפּקע, און פון אַלע זייטן הויבן זיך זייער שיינע און פאַרשיידנאַרטיגע בערג און בערגלעך. גרין און בלוי און אַשגרוי מיניען זיך איינס אין אַנדערן. לינקס זעען זיך צווישן די בערג די העלע ווייץ־פעלדער פונם קאָלווירט (קאָלעקטיווע פאַרם) „ניילעבן“, וואָס געפינט זיך טאַקע כמעט אין שטאָט.

מען וואָלט געקאָנט זאָגן, אַז ביראקאַן פאַרמאָגט אַ שווייצאַרישע אַטמאָספערע. אַזאַ איינדרוק שאַפן באַזונדערס די הייזלעך, וואָס זיינען אַרויפגעקראָכן מיט זייערע גערטנער העט אויבן אויפן באַרג, ביי וועלכן דאָס שטעטל ליגט, און שיינען אַראָפּ פון דאָרטן ביינאַכט מיט זייערע איינזאַמע שטערנדלעך־פייערלעך.

ביראקאַן איז נ י ט פאַ ר ש ט י ק ט צווישן בערג, נאָר ליגט אַליין ליכטיג און פריי.

אַ חנ׳עוודיג שטעטל, איינגעפאַסט אין אַן אויסערגעוויינלעך־שיינער לאַנדשאַפט.

אָבער די גרויסע מעלה איז, וואָס די שיינקייט פאַרמאָגט דאָ —

עשירות. איר ווייסט, אַז אין יעדן באַרג און בערגל ליגן אוצרות, וואָס מען קאָן זיי שעפּן און שעפּן.

און מען האָט שוין אָנגעהויבן, אויף דער באַן־סטאַנציע, וואָס מען זעט זייער גוט פון דער וועראַנדע פון „האָטעל קולדור", האָט מען פאַר מיין קומען אָנגעלאָדעוועט זיבן וואַגאָנען ראָזעווען מאַרמאָר קיין מאָסקווע, צו באַצירן די סטאַנציעס פון דער צווייטער ריי מעטראָ (סאַבוועי). צוויי וואַגאָנען מיט גרינעם מאַרמאָר האָט מען קיין מאָסקווע געשיקט שוין מיט אַ צייט צוריק. מאָסקווע וויל דעם מאַרמאָר פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט, ניט געקוקט דערויף, וואָס מען דאַרף אים פירן העכער אַכט טויזנט קילאָמעטער. דאָס איז אויסערגעוויינלעך שיינער מאַרמאָר. און פון דער זעלביגער וועראַנדע קאָנט איר זען ווי עס קורסירן בסדר צו דער סטאַנציע לאַסט־אויטאָמאָבילן מיט קאַלך — פון די קאַלך־אַרטעלן ביי די בערג.

דעם מאַרמאָר האָט מען לאַנג ניט געדאַרפט זוכן. ער האָט אַרויסגע־שפּאַרט פון די בערג: נאַט, נעמט. דאָס זעלביגע מיט די פעלזן, וואָס מען ברענט איבער אויף קאַלך. נעמט מען.

דערווייל נאָך — אויף אַ פּרימיטיוון שטייגער. מען האָט אָנגעהויבן נעמען איידער מען האָט צייט געהאַט — און איידער מען האָט געקראָגן די מעגלעכקייט — איינצופירן וועלכע עס איז טעכנישע מיטלען פון אַרבעט.

באַזונדערס פּרימיטיוו איז די אָפּטיילונג וואו מען שניידט און מען שלייפט דעם מאַרמאָר. דאָ זיצט מען און מען זעגט דעם מאַרמאָר־שטיין מיט די הענט. אַרבעטער זיצן איינער אַנטקעגן אַנדערן און שלעפּן די זעגן, הין און צוריק, און שניידן דעם שטיין אויף דינע מאַרמאָר־ברעטלעך. יעדע זעג האָט דריי קלינגען. די 21 קלינגען פון די אַכט זעגן שניידן אָפּ אין אַ טאָג, צוזאַמען, איין מעטער מיט אַ פינפטל מאַרמאָר־ברעט (קיין מאָסקווע האָט מען געשיקט מאַרמאָר־שטיין, ניט קיין צעזעגטן). און שלייפן שלייפט מען דעם מאַרמאָר אויך מיט די הענט. קאָן מען קיין סך ניט אַרויסגעבן, און דער מאַרמאָר קאָסט טייער.

די דאָזיגע פּרימיטיווע שטופּע פון אַרבעט גייט שוין באַלד אַוועק אין דער פאַרגאַנגענהייט. מען טרעט שוין צו צום בויען אַ מער־וויניג מעכאַ־ניזירטן ווערקשטאַט אויף זעגן און שלייפן דעם מאַרמאָר.

איך האָב געקלעטערט איבער די בערג מאַרמאָר, וואָס די נאַטור האָט דאָ אָנגעוואָרפן מיט אַ ברייטער האַנט. איך האָב זיך געשפּיגלט אין די געשליפענע ברעטלעך ראָזעוון און גרינעם מאַרמאָר. און ווי פּרימיטיוו די אַרבעט איז ניט געווען, האָט אָבער געפרייט, וואָס ענדלעך איז מען צו־געטראָטן צו די אוצרות.

נאָך די גאָלד־גרובן ביי סוטארי איז דער מאַרמאָר־אָרטעל אין בירעקאַן אַ וויטערדיגער ערנסטער טריט אויסצונוצן דעם פאַרמעגן פון דער אידי־שער אויטאָנאָמער געגנט.

און דער מאַרמאָר איז אויסערגעוויינלעך שיין, באַזונדערס דער גרינער. אַ ברעטל גרינער מאַרמאָר איז ווי אַ קונסט־בילד — אַן אויסגעמאָלענע לאַנדשאַפט, אַזוי אַנטציקענדיג זיינען פאַרמירט די אָדערן־געוועבן אין דעם מאַרמאָר.

אין בירעקאַן אַנטוויקלט זיך אַ נייער סאָרט אידישער אַרבעטער־ספּעציאַליסט — מאַרמאָריסטן. עלף אידישע איבערוואַנדערער זיינען דאָ אויסגעלערנט געוואָרן ווי ספּעציאַליסטן אין דעם פאַך, כאָטש דער פאַך הויבט זיך ערשט אָן אַנטוויקלען. און פונקט אַזוי האָט מען ערשט אָנגעהויבן אַנטוויקלען די קאַלך־אָרטעלן.

פיר זיינען זיי שוין פאַראַן, און מיט זייער פּראָדוקציע האָבן זיי שוין באַוויזן איבערצושטייגן דעם עלטערן קאַלך־צענטער לאָנדאָקאָ, איין סטאַנציע נענטער צו בירא־בידזשאַן. די פיר קאַלך־אָרטעלן אין בירעקאַן גיבן שוין אַרויס זעכצן טויזנט טאָן קאַלך אַ יאָר און פאַרמעסטן זיך אויף צוואַנציג טויזנט טאָן. ביז עס וועט ניט פאַרטיג ווערן דער גרויסער קאַלך־זאַוואָד אין לאָנדאָקאָ — וועלכער וועט אַרויסגעבן זעכציג טויזנט טאָן קאַלך אַ יאָר — דאַרף מען ריידן פון בירעקאַן, ווי פון דעם וויכטיגערן קאַלך־צענטער פאַר די בויאונגען פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט.

די אָרטעלן פון מאַרמאָר און קאַלך געפינען זיך כמעט צוזאַמען. דערפאַר האָט זיך זיי איינגעגעבן צו שאַפן אַ לעבעדיגן ישוב אין אַן אָרט, וואו עס איז ביז איצט געווען די טאַיגאַ (און מען רופט נאָך דעם ישוב: „טאַיגאַ"). און צווישן די אָרטעלן האָט זיך אַריינגעפּאַסט דער קאָלווירט „ניילעבן" מיט זיינע ווייץ־פעלדער. האָט זיך באַקומען אַזוי: די סנאָפּעס פון דעם קאָלווירט, צווישן די הורדעס מאַרמאָר פון איין זייט און און קאַלך־פעלזן פון דער אַנדער זייט, זיינען — אַלץ צוזאַמען — געווען אַן אויסדרוק פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע און אינדוסטריעלע מעגלעכקייטן פון דער געגנט, וואָס דאַרפןביידע אויסגענוצט ווערן.

צוליב די גינסטיגע באַדינגונגען (נאָענטקייט פון דער באַן, קאָנצענט־רירטקייט פון דעם ישוב) האָבן זיך דאָ די איבערוואַנדערער בעסער איינגע־אָרדנט ווי אין די מערסטע אַנדערע ערטער פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט. מען פאַרדינט גוט און מען לעבט זאַט (און מען קלייבט אַ „קערבל"). די קולטור־באַדינונג איז נאָך אָבער שוואַך, גאָר שוואַך. חוץ דער אידישער שול איז דאָ כמעט גאָרניט פאַראַן. אַ רויטער־ווינקל איז ערשט געעפנט געוואָרן.

די שוואַכע קולטור־באַדינונג מערקט זיך באַזונדערס שטאַרק, ווייל צווישן די שטעטלשע איבערוואַנדערער זעט זיך צופיל אָן שטעטלשע טראַ־דיציע, שטעטלשער שמוץ. פאַראַן איינרייסער, וואָס ווייסן ניט קיין גרעניץ צום „פּאַקן קניפּלעך“, צום קלייבן רובלס. זייערע וואוינונגען, אינעווייניג און אויסנווייניג, פאַרמאָגן די ריינקייט פונם שול־הויף . . .

דערפאַר איז אַ קלוב, ראַדיאָ, אַ ביבליאָטעק, ספּאָרט, באַזונדערס דרינ־גענד.

דאָס זעלביגע דאַרף געזאָגט ווערן וועגן דעם אַלטן ישוב, וועגן ביראָ־קאַן גופא, וואו די מערהייט פון דער באַפעלקערונג איז אויך אַ אידישע (פון ביראָקאַן ביזן „טאַיגאַ“־פאַרשטאָט איז אַ פופצן מינוט גאַנג).

דאָ איז פאַראַן אַן אַרטעל פון שוסטער און שניידער. מען פאַרדינט זייער גוט און מען פאַרמאָגט אייגענעווירטשאַפטן (אַ גאָרטן, עופות, אַ קו, חזירים). אָבער אויך דאָ הערשט נאָך צופיל דאָס שטעטל. אַ קלוב איז דאָ פאַראַן, אָבער ער אַרבעט שוואַך.

וועגן דער קולטור־אַרבעט אין דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט וועט גערעדט ווערן באַזונדער. דאָ זיינען פאַראַן זייער גרויסע דערגרייכונגען — באַזונדערס אין דער הויפּטשטאָט ביראָ־בידזשאַן — און דאָ זיינען פאַראַן גרויסע בלויזן. אָבער אין ביראָקאַן, וואו דער איבערוואַנדערער לעבט שוין, איינגאַנצן געגומען, אַ זאַט לעבן, זעט זיך אָן דער קולטור־מאַנגל אין אַ גע־וויסן זין שאַרפער ווי ערגעץ אַנדערש.

באַזונדערס פילן עס איבערוואַנדערער פון גרויסע צענטערן. חוץ די געקומענע פון פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך אין פאַרבאַנד, זיינען אויך פאַראַן פאַמיליעס פון ריגע. די לעצטע זיינען באַזונדערס גליקלעך פונם עקאָנאָמישן וואוילשטאַנד. אַוועק די זאָרג! מען לעבט זאַט, קינדער שיקט מען אין די בירא־בידזשאַנער טעכניקומס לערנען, און אַליין טראַכטן די דאָזיגע שוסטער און שניידער אויך פון צולערנען זיך אַביסל, אויפהויבן זיך קולטורעלער. בייינקען זיי נאָך די מעגלעכקייטן.

ביראָקאַן איז אַ בליענדיגער פונקט — איינער פון אַ סך אין דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט, אָבער איינער פון די בעסטע. מען קאָן פאָראויסזאָגן, אַז ביראָקאַן וועט ווערן איינער פון די גרעסטע צענטערן אין דער געגנט — נאָך דער שטאָט בירא־בידזשאַן. דאָ איז פאַראַן די באַזע פאַרן קוראָרט קולדור, וואו עס באָדן זיך שוין אין די הייסע קוואַלן טויזנטער מענטשן דורכן יאָר, זומער און ווינטער (און דער קוראָרט בויט זיך ערשט). דאָ וועט זיך אומבאַדינגט אַנטוויקלען אַ גרויסע אַרבעט אַרום דעם מאַרמאָר, און אָנשטאָט די זעכציג אַרבעטער, וואָס דער פרימיטיווער מאַרמאָר־אַרטעל באַ־

שעפטיגט איצט, און די פאר הונדערט ארבעטער, וואס די מער־וויניג מעכאניזירטע אונטערנעמונג וועט אינגיכן באשעפטיגן, וועלן אין דער נאענטער צוקונפט זיין באשעפטיגט פיל הונדערטער, אויב ניט מער. דאס זעלביגע מיטן קאלך, וועלכן מען באפט פון די הענט, ווייל ער איז אזוי נויטיג פאר די בויאונגען. די רעזערוועז פאר מארמאר און קאלך זיינען דא אומדערשעפלעכע. אן צו גרויסע אויספארשונגען ווייס מען דא פון פיל ערטער ארום, וואס פארמאגן מארמאר און צו וועלכע מען טראכט נאך אפילו ניט וועגן צורירן זיך. און אויך די לאנדווירטשאפט אין און ארום ביראקאן האט באדייטנדיגע מעגלעכקייטן.

דארף צוזאמען מיטן שנעלן מאטעריעלן וואוקס פון ביראקאן גיין די קולטור־באדינונג. זאל דער דאזיגער אויסערגעוויינלעך־שיינער און בליענדיגער ישוב פון דער אידישער אויטאנאמער געגנט אויך זיין א מוסטערהאפטער קולטורעלער ישוב. דער קאמף געגן שטעטלשע טראדיציעס שטייט דא שארף אויף דער טאג־ארדנונג.

אידישע אויטאנאמע געגנט,
אנהויב סעפטעמבער, 1936.

# קוראַרט „קולדור"

איינער פון די שענסטע פּערל פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט — וועלכע איז רייך מיט אוצרות — איז דער קוראָרט ק ו ל ד ו ר.

לעגענדעס גייען אַרום וועגן די הייסע קוואַלן, וואָס שלאָגן דאָ פון דער ערד. מען דערציילט, אַז די חיות פון דער טאַיגאַ פלעגן קומען אַהער היילן זייערע וואונדן, זיך וואַרימען אין ווינטערדיגע טעג. מען דערציילט, אַז אַ יעגער, אַ טונגוס, האָט נאָכגעפאָלגט די חיות אַהער און איז געוואָרן אַ דערשטוינטער, ווען ער האָט דערזען אין דער טאַיגאַ אַ „הייסן אינזל", דורך וועלכן עס שפּאַרט אַרויף אַ מאָדנער סאָרט הייסע וואַסער. באַלד זיינען די טונגוסן געוואָר געוואָרן, אַז די הייסע קוואַלן היילן „אַלע קראַנקהייטן". האָט מען דעם אָרט באַטראַכט פאַר אַ „הייליגן" און מען האָט דאָ געבראַכט קרבנות, און מען האָט אים געהאַלטן בסוד סודות — קיינער זאָל פון דעם אָרט ניט וויסן, נאָר טונגוסן. און אַזוי איז דאָס געבליבן אַ סוד יאָרן — אָדער יאָרהונדערטער — ביז אַ טונגוס האָט (מיט אַ זעכציג יאָר צוריק) געבראַכט אַהער זיינעם אַ רוסישן חבר, אַ יעגער, צום היילן זיך. ער האָט אים געפירט הין און צוריק דורך דער געדיכטער טאַיגאַ מיט פאַרבונדענע אויגן (די לעגענדע זאָגט, אַז דער טונגוס האָט באַצאָלט מיט זיין לעבן פאַר ברעכן דעם סוד). אָבער די ווירקונג פון די קוואַלן אויף דעם רוס איז געווען זייער אַ גוטע, און דורך אַלערליי מיטלען — געלט, בראַנפן, און וואָס ניט — האָט זיך איינגעגעבן אַרויסצוקריגן וואו דער וואונדערלעכער אָרט געפינט זיך.

אַזוי וויט — די לעגענדע. מיר אָבער זיינען שוין געקומען אַהער גאַנץ לייכט — פאַרהעלטניסמעסיג.

פון ביראָקאַן פאָרט מען אַהער 34 קילאָמעטער מיט אַן אויטאָמאָביל. אין פאַרגלייך מיט יענער צייט, ווען דער ערשטער רוס איז אַהער געבראַכט געוואָרן דורך די געדיכטענישן פון דער טאַיגאַ, איז דער וועג אַן אויסגעצייכנטער. וואָס זאָג איך: אין פאַרגלייך מיט יענער צייט! ערשט אין 1915 איז געפאָרן אַהער די ערשטע קאָמיסיע אויסצופאָרשן די קוואַלן, בראש מיט אַ געוויסן דאָקטאָר בוק. איז די קאָמיסיע געגאַנגען (פון אָבלוטשיע) פינף טעג צייט, האָט איבערגעלעבט אַלערליי מאַטערנישן און צרות, ביז זי האָט זיך אַהער דערשלאָגן. אַביסל שפּעטער, מיט אַ פופצן יאָר צו־

ריק איז שוין געווען א ברייטע אויסגעטראָטענע סטעזשקע דורך דער טאַיגאַ, אויף וועלכער מען האָט געקאָנט פאָרן רייטנדיג. מיט א פינף יאָר צוריק איז מען שוין געפאָרן אויף א וואָגן, און דער וועג האָט געדויערט אכט שעה.

מיר זיינען דורכגעפאָרן דעם וועג מיט אן אויטאָמאָביל אין דריטהאַלבן שעה.

די נאַטור איז א באַצויבערנדיג־שיינע. געדיכטער, אוראַלטער, קאַליבערפולער ווילד־וואַלד. אָבער פאַרשיידנאַרטיגער ווי די טאַיגאַ, וואָס איך בין אָפּגעפאָרן אין די אכט שעה פון פּאַשקאָוו ביז אָבלוטשיע. איר הויבט זיך דאָ אויף הויך אויף בערג און פאַר אייך עפנט זיך א וואונדער־לעכע פּאַנאָראַמע. איר לאָזט זיך אריין אין אַזעלכע געדיכטע וואַלדיגע מאַסיוון, אַז איר ווערט איינגאַנצן באַהערשט פון דעם וואַלד־אָקעאַן, אין וועלכן איר טראָגט זיך.

אויף האַלב־וועג טרעפט איר א הייזל אויף איבערנעכטיגן — ווי א זאַך מאַכט זיך. און עס מאַכט זיך. דער וועג איז פאַר די אויטאָמאָבילן (מייסטנס לאַסט־מאַשינען) א מערדערלעכער.

אויפן 26טן קילאָמעטער טרעפט איר אַן אָרט, וואו מען האָט אַנטדעקט גרינעם מאַרמאָר, קריגט איר ווידער א סימן פון די אוצרות, וואָס געפינען זיך אין דר׳ערד. דאָס גיט נאָך מער האַפט דער שיינקייט אויף דער ערד.

ביז — עס עפענען זיך די בערג (סאָפּקעס) און איר פאָרט אריין אין אַזאַ גרויסע „שיסל" — פון א פערציג טויזנט קוואַדראַט מעטער — מיט באַרגיגע האָריזאָנטן אויף אַלע זייטן. אין סאַמע מיטן פון דעם טאָל (וועל־כער ליגט אָבער הויך צווישן די בערג) לויפט שנעל־שנעל דאָס טייכל „קול־דור". איר שפּרייזט אריבער דאָס בריקל און איר געפינט זיך אויף באָדן, וואָס אַז איר וועט זיך צורירן צו אים מיט דער האַנט, וועט איר פילן, אַז ער איז וואַרים. אַז איר וועט זיך צורירן מיטן פינגער צו די פאַרשיידענע שטראָמעלעך, וואָס שפּאָרן פונם באָדן וועט איר דערפילן — היים! און ווען דער וועטער וועט בשעת מעשה זיין א קילער, וועט איר באַמערקן, ווי פון פאַרשיידענע ערטער שלאָגט א פּאַרע.

ווען די לעגענדעס וועגן די וואונדער־קוואַלן האָבן אָנגעהויבן ברייט צו צירקולירן צווישן די איינוואוינער פון ווייטן מזרח האָבן מענטשן אָנגעהויבן קומען אַהער און אָנגעהויבן גראָבן גריבער. יעדע גרוב איז באַלד אָנגעפילט געוואָרן מיט הייסע וואַסער. האָט מען זיך געבאָדן ווי לאַנג און וויפיל מען האָט געקאָנט אויסהאַלטן. די וואָס האָבן ניט אויסגעהאַלטן — האָבן גע־שאַפן דעם היגן בית עולם . . . די וואָס האָבן אויסגעהאַלטן — האָבן ווייַ־טער און ברייטער געטראָגן די לעגענדעס וועגן די וואונדער־קוואַלן פון

קולדור (דער טייטש פון דעם וואָרט, אויפן לשון פון אַ היגן אַלטן שבט איז — „היים״).

די צאַרישע רעגירונג האָט (פאַרשטייט זיך!) גאָרניט געטאָן פאַר קולדור. פאַרן צאַרישן הויף, פאַר די רייכע, איז געווען גענוג קאַווקאַז, די אויסלענדישע בעדער. נאָך דער רעוואָלוציע און דעם בירגער־קריג, ווען די סאָוועטן־מאַכט האָט זיך נאָר־וואָס געהאַט איינגעשטעלט אין היגן געגנט, האָט מען שוין באַשטימט אויסצונוצן די הייסע קוואַלן פון קולדור צו היילן דעם אַרבעטנדיגן מענטשן, היילן אויף אַן אמת.

מען האָט דאָ געטראָפן העכער הונדערט גריבער, וואו מען האָט זיך „געהיילט״. קיין דאָקטוירים זיינען ניט געווען. געוואוינט האָט מען אין ביידלעך, אין באַראַקן, און עס האָבן ניט געפעלט קיין געשעפט־מאַכער, וואָס האָבן געריסן אַ הויט. האָט מען עס אַלץ סקאַסירט. די גריבער האָט מען פאַרשאָטן (איינע האָט מען געלאָזן פאַר אַן אָנדיינק און אַרומגעצאַמט), מען האָט אָנגעהויבן אויפשטעלן געביידעס מיט וואַנעס. אין 1926 איז אויפגעשטעלט געוואָרן לעבן איינעם פון די שטאַרקערע קוואַלן אַ געביידע מיט דרייסיג וואַנעס. די געביידע ווערט נאָך באַנוצט איצט.

דער קוואַל (וואָס שלאָגט דורך אַ רער צוועלף מעטער די טיף) גיט אַדוים אַרום 180 טויזנט ליטער וואַסער אַ טאָג — 72 גראַד היים (לויטן צעלסיום טערמאָמעטער; לויטן פאַרענהייט־טערמאָמעטער, וואָס ווערט באַנוצט אין אַמעריקע — אַרום 160 גראַד היים!). דאָס איז גענוג אַז צוויי־דריי טויזנט מענטשן זאָלן נעמען וואַנעס טעגלעך. אָבער די פיר פּאַנסיאָנען (דאָרמיטאָרים) און די וואַנע־געביידע זיינען דערווייל נישט אימשטאַנד אויפצונעמען מער ווי אַרום דריי הונדערט פּערזאָן (יעדן חודש).

די רייכע נאַטור האָט דאָ באַזאָרגט מיטלען אָפּצוקילן דאָס וואַסער און רעגולירן די טעמפּעראַטור פאַר די וואַנעס. פון דעם רעזערוואואַר איבערן קוואַל גייט אין דער וואַנע־געביידע אַ רער מיט הייסע וואַסער און אַן אַנדער רער, וואָס ציט זיך דורכן קאַלטן שטראָם פונם טייכל „קולדור״. אַט מיט די ביידע וואַסערן רעגולירט מען די וואַנעס, וועלכע האָבן אַ טעמפּעראַטור פון 36 גראַד — צעלסיום — ביז 40 גראַד (הייסער איז ניט דערלויבט).

פּאַציענטן וואַשן זיך אויך ביי אַ הייסן פאָנטאַן לעבן טייכל „קולדור״. דער פאָנטאַן טראָגט דעם נאָמען: „דער קוואַל פון יוגנט״ און געפינט זיך אין אַ גראַציעזער ווייסער זומער־בודקע (בעסעדקע), אַרומגערינגלט מיט בענק. דאָס איז זייער אַ פּאָפּולערער אָרט.

ווען מען זאָל שפּינען ווייטער די לעגענדע קולדור, וואָלט מען געקאָנט זאָגן, אַז דער גרינער טאָל, אין וועלכן דער קוראָרט ליגט, איז אַמאָל געווען אַ וואולקאַנישער קראַטער (פייער־שפּייענדיגער מויל) — מיט פיל טויזנטער

יאָרן צוריק. דער גראַניט און באַזאַלט, וואָס געפינט זיך אין באָדן, זאָגט עדות — לויט די עקספּערטן — אַז די הייסע קוואַלן האָבן אַ וואולקאַנישע אָפּשטאַמונג. אָבער דער עיקר איז, וואָס צוליב דעם וואָס די וואַסערן גייען דורך די פאַרשיידענע מינעראַלן, מיט וועלכע דער באָדן איז רייך, פאַרמאָגן זיי אין זיך זייער וויכטיגע עלעמענטן. דעריבער איז זייער הייל־קראַפט אַזוי גרויס. זיי פאַרמאָגן שוועבל, שוועבל־זויערע, קוילן־זויערע, כלאָר, קאַל־זיום, אייזן, אַלומינום, און אַנדערע עלעמענטן. צוליב דער טעמפּעראַטור פון די וואַסערן און זייערע עלעמענטן שטעלט קולדור פאָר מיט זיך איינעם פון די סאַמע בעסטע קוראָרטן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד (און אין דער וועלט).

דאָ היילט מען רומאַטיזם און בכלל ווייטאָגן אין די פיס און הענט; הויט־קראַנקהייטן, זיץ־נערוון קראַנקהייטן (אישיאַס), פרויען־קראַנקהייטן און אַנדערע (ניט אָנשטעקנדיגע). די הייל־קראַפט פון די וואַסערן איז גרויס.

די מעשיות וואָס ווערן דערציילט וועגן קאַליקעס, וואָס זיינען אויס־געהיילט געוואָרן, קלינגען אויך ווי לעגענדעס, אָבער דאָ זיינען זיי אָפטע דערשיינונגען.

אָט איז בשעת מיין זיין דאָ געווען אַזאַ פאַל:

פאַרנאַכט. פאַרן אונט־ברויט. מען שפּאַצירט, מען שפּילט וואַלי־באָל, מען זינגט. פאַר איינער פון די סאַנאַטאָריעס שטייט אַ רעדל „קראַנקע" און אימיצער, אין מיטן, גייט אַ טענצל. דאָס אַליין וואָלט ניט געווען אַזאַ וואונדער — אָבער דער וואָס האָט געטאַנצט האָט מיט גליענדיגע אויגן דערציילט וועגן דעם „נס", וואָס האָט מיט אים פּאַסירט.

ער איז אַ קוילן־גרעבער, קראַנק געוואָרן אויף רומאַטיזם, געלעגן אין בעט עטלעכע חדשים. מען האָט אים געבראַכט אַהער און געטראָגן אים צו די ערשטע וואַנעס. שפּעטער האָט ער אָנגעהויבן אַליין גיין, אויף קוליעס. און איצט פאָרט ער אַהיים, אָן קוליעס, ווי אַלע מענטשן, און ער קאָן טאַנצן אויך!

האָט ער געטאַנצט מיט אַ מאָדנעם פייער אין די אויגן. ער איז געווען אַ ניי־געבוירענער.

— אַז איך וועל קומען אַהיים, וועט מען ניט גלויבן, אַז דאָס בין איך!
— האָט ער געשריען אויסער זיך פון עקסטאַז.

אַזעלכע פאַלן זיינען דאָ אָבער ניט קיין וואונדער מער. מען רעדט וועגן זיי ווי וועגן געוויינלעכע זאַכן. די ווירקונג פון די וואַסערן, אויף די מייסטע קראַנקע, וואָס קומען אַהער — אַ ווירקונג צום גוטן — איז זייער אַ גרויסע.

קומען קומט מען פון אַזוי ווייט ווי קאַמטשאַטקאַ, סאַכאַלין. דאָס

הייסט — מען שיקט אַהער אַרבעטער היילן זיך. מען שיקט קוילן־גרעבער, נאַפט־אַרבעטער, אַלערליי אַרבעטער, לערער, קאָמאַנדירן, שריפטשטעלער. ווען איר טרעפט אַ נאַפט־אַרבעטער פון סאַכאַלין, אָדער אַן אַנדער סאָרט אַרבעטער, וואָס איז פריער געווען שטויב פון דער ערד און איצט גיט אים די רעגירונג אויף אים מאַסן געלט אויף היילן אים, זעט איר אפשר אין דעם אַ גרעסערע שטיק ראָמאַנטיק, ווי אינם קוראָרט אַליין...

מיר האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן אַ פרוי פון אַ טיפּ פון אַן אַמאָליגער פּויערטע, אין אַ מענערשן רעקל און אין גראָבע שטיוול. צוזאַמענגערעדט זיך, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי — קאָטומאָווא, הייסט זי — איז אַן אויפראַמערין אין קאַמטשאַטקאַ. האָט מען איר געגעבן די מעגלעכקייט צו היילן זיך אַ חודש אין קולדור. דאָס קאָסט 850 רובל. איר באַן־ און שיף־הוצאות, צוזאַמען מיט אַנדערע וועג־הוצאות, מאַכן אויס אַרום אַ טויזנטער אַ צוגאָב. האָט מען דאָס אַלץ איר, אַ „פּראָסטע" אויפראַמערין אין אַ קיך ערגעץ אין קאַמטשאַטקאַ, געגעבן...

אַט דאָס זאָרגן זיך „אַזש" פאַר דער אויפראַמערין, דאָס שיקן אַזעלכע קאָטומאָוואָס און די אַלע קוילן־גרעבער, נאַפט־אַרבעטער, און ווער זיי זאָלן ניט זיין — רוסן, קאַרייער, מאָנגאָלן, אידן — אין די וואַרים־בעדער אויפן רעכענונג פון דער רעגירונג (און קאָטומאָווא, ווי אַלע אַנדערע, האָט חוץ אַלעמען אויך געקראָגן איר געוויינלעכן געהאַלט), איז פאַר אַן אַרבעטער אין קאַפּיטאַליסטישע לענדער אַזוי אומגלויבלעך — נאָך מער אומגלויבלעך! — ווי די געשיכטעס וועגן די קאַליקעס, וואָס הויבן דאָ אָן צו גיין און טאַנצן.

אָבער דאָ זיינען ביידע זאַכן נאַטירלעך...

עס גענִיסן שוין טויזנטער אַרבעטער יעדן יאָר פון די קולדורער היילקוואַלן, — עס קאָנען אָבער גענִיסן צענדליגער טויזנטער יערלעך.

ווי שוין געזאָגט, קאָן בלויז דער איין קוואַל, וואָס ווערט איצט באַנוצט, באַזאָרגן מיט וואַסער צוויי־דריי טויזנט מענטשן טעגלעך. (און עס זיינען דאָ ניט ווייניגער ווי אַכט און צוואַנציג קוואַלן!). דערווייל אָבער קאָן דער קוראָרט מער ווי דריי הונדערט מענטשן ניט אויפנעמען (יעדן חודש — נייע דריי הונדערט). מען דאַרף גרויסע, מאָדערנע סאַנאַטאָריעס, מאָדערנע וואַנע־אַנשטאַלטן, אַ פּאָליקליניק, און אַ גאַנץ שטעטל פאַר די אַרבעטער, אָנגעשטעלטע און דאָקטוירים, וואָס וואָלטן געדאַרפט באַדינען טויזנטער פּאַציענטן. און עס פאָדערן זיך גרויסע רעסטאָראַן־זאַלן, אַ קינאָ־טעאַטער, אַ קלוב. עס פאָדערט זיך קאַנאַליזאַציע, אַ נייע עלעקטרישע סטאַנציע, עס פאָדערן זיך וועגן — אַך, וועגן! און דאָ איז נאָך אַלץ פריי־

מיטיוו. עס הערשט נאָך די טאַיגאַ ניט נאָר אַרום קולדור, נאָר אין קולדור גופא. דער שלעכטער וועג טוט אָן צרות: אָפּט פעלן אוים אין קוראָרט די נויטיגסטע זאַכן! און אַ גוטער אויטאָבוס צו פירן די קראַנקע איז נויטיג ווי לעבן!

האָבן מיר אין אַ זוניגן נאָכמיטאָג אַרויפגעקלעטערט אויף איינעם פון די העכסטע בערגלעך, וואָס רינגלען אַרום דעם קוראָרט. מיר האָבן דערזען — אַ וואַלד־אָקעאַן. די אומצאָליגע גרינע וואַלדיגע בערגלעך זיינען געווען ווי כוואַליעס אין דער אומענדלעכער טאַיגאַ. אָבער דאָס בילד האָט ניט געשראָקן, נאָר געקוויקט, און האָט דערוועקט באַוואונדערונג. און צו־פוסנס — דער זעלטענער פּערל קולדור, דער קוואַל פון לעבן.

אַ געפיל פון פרייד האָט אַרומגענומען, וואָס די אידישע אויטאָנאָמע געגנט פאַרמאָגט אַזאַ אוצר. אָבער צוזאַמען דערמיט — אַ ברענענדיגער באַגער, אַז דער אוצר זאָל וואָס גיכער באַהערשט ווערן, אַז קולדור זאָל אײַנגיכן ווערן אַ מוסטער־קוראָרט, וואָס וועט ברענגען געזונט און לעבן און פרייד גרויסע מאַסן אַהבעטס־מענטשן.

אידישע אויטאָנאָמע געגנט,
מיטן סעפּטעמבער, 1936.

# אַ יום־טוב אין בירא־בידזשאַן

געקומען צוריק אין דער הויפּט־שטאָט פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט, בירא־בידזשאַן, נאָך עטלעכע וואָכן ארומוואנדערן איבער די ראיאָ־נען. געטראָפן אַ סך נייעס.

אין די האָטעל־צימערן פונם נייעם וואָקזאַל איז געווען איינג און טומלדיג. עס האָבן זיך פאַרזאַמלט די קאָמוניסטישע טוער פון דער געגנט אויפן פּלענום פון דער פאַרטיי. אין מיין צימער האָב איך געקראָגן אַ שכן — דער הויפּט פון אַ אינזשענערן־גרופּע, וואָס פאָרשט־אויס די גראַפיט־אוצרות פון דער געגנט.

די אינזשענערן האָבן שוין פעסטגעשטעלט, אַז לעבן סאָיוזנאָיע איז פאַראַן אַ רעזערוו פון מינדסטנס אָנדערהאַלבן מיליאָן טאָן גראַפיט. דאָס וועט העלפן מאַכן די סאָוועטישע אַלומינום־ און שטאָל־אינדוסטריע פול־שטענדיג אומאָפּהענגיג פון אויסלאַנד. אין דער נאָענטער צוקונפט וועט מען צוטרעטן בויען אַ גראַפּיט־זאַוואָד (מיט אידישע ארבעטער, פאַרשטייט זיך).

ארויס אויף דער גאַס — האָב איך געטראָפן נאָך נייעסן. די ארבעט פון אַספאַלטירן די אָקטיאַבר־גאַס איז אריין אין דער לעצטער סטאַדיע. און די פּאָסטישעוו־גאַס, וועלכע צייכנט זיך אויס מיט היפּשע בלאָטעס אין די רעגנדיגע טעג, איז שוין געקומען געוואָרן „אין די הענט אריין“.

אויף דער גאַס האָב איך דערזען גייע רעשטאָוואַניעס. לעבן הויז פון „געזערד“ האָט מען אראָפּגעוואָרפן אַן אַלטע כאַטע און מען האָט גענומען בויען אַ האָטעל. לעבן טעאַטער, געגנאַיבער דעם פּלאַץ, וואָס איז אָפּגע־צוימט פאַר דער בויאונג פון דער צענטראַלער ביבליאָטעק, האָט זיך גע־הויבן דער סקעלעט פון דער צענטראַלער דרוקעריי.

ווייטער פאַרזעצנדיג דעם גאַנג מיט דער גאַס — פּאָסטישעוו־גאַס — האָט מען געקאָנט זען, ווי מען מאַכט די „לעצטע שטעך“ פון דער נייער ניי־פאַבריק. און באַלד נאָכדעם — ווי מען גראָבט דעם פונדאַמענט פון אַ נייער, גרויסער עלעקטראָ־סטאַנציע, אויף זעקס טויזנט קילאָוואַט. די סטאַנציע וועט ניט נאָר קענען באַזאָרגן „קליין־בירא־בידזשאַן“ — אַ שטאָט פון 35 טויזנט איינוואוינער אויף דער זייט פון טייך בירא, נאָר זי וועט שוין געבן די מעגלעכקייט ערנסט צוצוטרעטן בויען „גרויס בירא־בידזשאַן“

— די שטאט אויף דער אנדערער זייט בירא, וואס איז אויסגערעכנט אויף 120 טויזנט מענטשן.

אין די שולן און טעכניקומס האט מען שוין גענומען לערנען, אין טעאטער האט מען זיך געגרייט צו דער דערעפענונג. אויף די הייזער־בוי־אונגען, אין די אונטערנעמונגען, האט זיך באמערקט נייער אימפעט.

עפעס באזונדערס איז פארגעקומען אין שטאט — דאס האט מען גלייך געקאנט זען. ווייל כאטש בירא־בידזשאן איז אלע מאל א שטאט מיט א שנעל־שטייגנדיגן אימפעט, האט מען אבער אין דעם בארג ארויף גאנג איצט געקאנט פילן עפעס אויסער־געוויינלעכס.

סיבות דערפאר זיינען געווען צוויי. קודם כל — די נייע באשטימונג פון פרעזידיום פון „ציק“ (צענטראלן אויספיר־קאמיטעט פון די סאוועטן) וועגן דער אידישער אויטאנאמער געגנט. אן אנדער סיבה — דער פלענום פון דער פארטיי, דאס צונויפקומען זיך פון די קאמוניסטישע טוער פון דער געגנט.

די באשטימונג פון „ציק“ — אנגענומען דעם 29טן אויגוסט — האט ארויסגערופן א נייע כוואליע פון ענטוזיאזם אין שטאט און אין דער גאנצער געגנט. אין דער באשטימונג, אונטערגעשריבן פונם פארזיצער פון ציק, מ. י. קאלינין, און פון סעקרעטאר, א. אקולאוו, ווערט דערקלערט, אז דאס פארוואנדלען בירא־בידזשאן אין א אידישע אוי־טאנאמע געגנט, האט זיך פולשטענדיג בארעכטיגט. און עס ווערט געזאגט:

„אין פארלויף פון פיל יארהונדערטער האט דאס אונטערדריקטע אידישע פאלק געקעמפט געגן דער צארישער זעלבסט־הערשונג פאר שאפן זיין נאציאנאלע קולטור, פאר׳ן רעכט צו באקומען בילדונג, פאר׳ן רעכט פריי צו לעבן. צום ערשטן מאל אין דער געשיכטע פון אידישן פאלק איז פארווירקלעכט געווארן זיין הייסער וואונטש וועגן שאפן אן אייגן היימלאנד, שאפן אן אייגענע נאציאנאלע מלוכה׳שקייט. אונטער דער אנפירונג פון דער גרויסער פארטיי פון לענין־סטאלין, ביי דעם אקטיוון אנטייל פון דער סאוועטישער געזעל־שאפטלעכקייט, אנטוויקלען די אידישע ארבעטנדיגע מאסן און פאר־פעסטיגן ביי זיך די סאוועטישע מלוכה׳שקייט אין פארמען, וואס אנטשפרעכן די נאציאנאל־שטייגערישע באדינגונגען פון זייער פאלק“.

און די באשטימונג דערמאנט די פארשיידענע מלוכה־אקטן אויף דער אידישער שפראך, דערמאנט דעם דערפאלג פון די אידישע קאלווירטן (קא־לעקטיווע פארמס) און די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען מיט אידישע

אַרבעטער. זי רעדט וועגן דעם וואוקס פון דער אידישער קולטור. זי שטרייכט אונטער, אַז ניט נאָר צווישן די אידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז דאָ אַ דראַנג צו פאָרן קיין בירא־בידזשאַן, נאָר אויך צווישן די אידן אין אויס־לאַנד. און זי פאַרענדיגט מיט אַ ריי באַשטימונגען, וואָס דאַרפן העלפן פאַרשטאַרקן די לאַנדווירטשאַפט, די אינדוסטריע, די קולטור־אינסטיטו־ציעס, די איבערוואַנדערונג. —

„כדי גיכער צו לייזן די אויפגאַבן פון ווייטערדיגן אַנטוויקלען און פאַרפעסטיגן די נאַציאָנאַלע סאָוועטישע אידישע מלוכה'שקייט אינם פאַרבאַנד פון די סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן".

אָט־דער אָן צווייפל היסטאָרישער דאָקומענט פון ציק האָט אָנגעצונדן די הערצער פון די אידן אין בירא־בידזשאַן, און אין דער ערשטער ריי — פון אירע טוער און בויער (אָן אונטערשייד פון נאַציאָנאַליטעט) מיט נייעם ענטוזיאַזם.

עס האָט זיך נאָך מער דערפילט די וואַרימע העלפנדיגע האַנט פון דער סאָוועטן־מאַכט. נאָך קלאָרער האָט מען דערזען די היסטאָרישע פּערספּעקטיווע אין דער אַרבעט. מען האָט זיך דערפילט פעסט אויפן וועג צו דער קומענדיגער אידישער סאָוועטן־רעפּובליק!

האָט זיך דער ענטוזיאַזם געפילט אין שטאָט. האָט ער זיך געפילט אויף די זיצונגען פון די קאָמוניסטישע טוער, וואָס בויען די געגנט. און די גראַנדיעזע פּלענער (לויט ביז־איצטיגע מאַסשטאַבן), וואָס דער פּלענום האָט אויסגעאַרבעט, האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט די פרוכט פון דעם דאָזיגן ענטוזיאַזם.

אויפן ערשטן פּלאַן קומט די לאַנדווירטשאַפט. עס ווערט געפּלאַנע־וועט אויסבויען אין 1937 גאַנצע 25 נייע קאָלווירטן. צוזאַמען מיט די בוי־אונגען אין די אַלטע קאָלווירטן וועט די אידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע באַ־פעלקערונג פאַרגרעסערט ווערן אויף 1,500 משפחות. אָנשטאָט די 42 טויזנט העקטאַר לאַנד וואָס איז שוין פאַרזייט געוואָרן היינטיגן יאָר ווערט געפּלאַנעוועט עס זאָל פאַרזייט ווערן אין 1937 — הונדערט טויזנט העק־טאַר (און די פּלענער פאַר צוגרייטן באָדן נעמען אַרום 200 טויזנט העק־טאַר). די רעגירונג וועט אַריינלייגן אין דער לאַנדווירטשאַפטלעכער בויאונג אַליין העכער פופציג מיליאָן רובל.

כדי מען זאָל באַגרייפן וואָס פאַר אַ שפּרונג פאָראויס דאָס באַטייט, וועט ווערט זיין צו באַמערקן, אַז די אינוועסטירונגען אין 1935 האָבן באַ־טראָפן זיבן און אַ האַלב מיליאָן רובל, און אין 1936 — קאַרגע אַכצן מיליאָן. איצט — העכער פופציג מיליאָן.

דער פאַרזייטער שטח האָט אין 1935 באַטראָפן 38 טויזנט העקטאַר

און אין 1936 — 42 טויזנט. איצט שטעלט מען זיך א ציל, אין 1937 — הונדערט טויזנט העקטאר!

פונקט אזוי איז מיט דער אינדוסטריעלער און קולטור־בויאונג, מיט דער פארבעסערונג פון שטייגערשן לעבן. די נייע ציפערן פארטונקלען די ביז־איצטיגע ציפערן. עס וועט פארענדיגט ווערן אין בירא־בידזשאן די ניי־פאבריק (פאר 2,500 אידישע ארבעטער), דער וועגנער זאוואד (פאר 1,500 אידישע ארבעטער), די עלעקטרא־סטאנציע. עס וועלן געבויט ווערן א שיך־פאבריק, א זאקן־ און שטריקעריי־פאבריק. עס וועט פארענדיגט ווערן דער רעמאנט־מעכאנישער זאוואד, עס וועט אנטוויקלט ווערן ברייט די געווערב־אינדוסטריע, די ארטעלן.

בירא־בידזשאן לויפט זיך ערשט ווי געהעריג פאנאנדער!

זאלן די ציפערן וועגן דער לאנדווירטשאפט און וועגן דער אינדוסטריע ניט אויסקוקן ביי קיינעם ווי וואכעדיגע זאכן. אט אין זיי ליגט דער קוואל פון אידישער קולטור, אידישער נאציאנאלער מלוכה'שקייט.

אט דערמיט צייכענען זיך אויס די באשטימונגען פון דער סאוועטן־רעגירונג. זיי פארמאגן מוסקול און ביין, בלוט און פלייש. עס קאן ניט באשאפן ווערן קיין אידישע נאציאנאלע מלוכה'שקייט, קיין געזונטע אידישע סאציאליסטישע קולטור, אן א גרויסער מאסע אידישע קאלווירטניקעס, וואס זאלן באארבעטן די ערד מיט טראקטארס און קאמבאינען, וואס זאלן פירן א זאטן און קולטורעלן לעבן, אדער אן א אידישער ארבעטערשאפט אין די שטעט. כדי צו געבן מוסקולן און בלוט דער אוקראינישער רעפובליק, האט מען דארט געבויט די ווירטשאפט. כדי צו פארוואנדלען קאזאקסטאן פון א קאלאניע פאר צענטראל־רוסלאנד אין א בליענדיגע סאוועטישע נאציאנאל־קאזאקישע רעפובליק, האט מען דארט געשאפן קאלווירטן און פאבריקן.

די סאוועטן־רעגירונג פארנעמט זיך ניט מיט פאפירענע דעקלאראציעס און אויטאנאמיעס. צוזאמען מיט איר אויפריכטיג ווארט גייט די אויפריכטיגע טאט. און איצט, ווען דאס סאוועטישע לאנד טרעט אריין אין סאציאליסטישער פראספעריטי, קאן מען געבן דער אידישער אויטאנאמער געגנט נאך מער — מיט א ברייטער, פרייגעביגער, סאוועטישער האנט.

איז יום־טוב'דיג געווארן אין בירא־בידזשאן. איז פריילעך געווען אויפן פלענום פון געגנט־קאמיטעט פון דער קאמוניסטישער פארטיי.

מען האט קריטיקירט און אויפגעדעקט פעלערן — אזוי ווי באלשעוויקעס קאנען. און פעלערן זיינען דא גענוג! ווען מען בויט אזוי פיל, ווען אומעטום הויבן זיך רעשטאוואניעס, ווען אלץ דארף מען, ווען ציגל און

צעמענט און קלעצער און טשוועקעס און דינאַמאָס רייסט מען פון די הענט, און ווען קוואַליפיצירטע אַרבעטער פעלן — אוי, פעלן! — איז קלאָר אַז פעלערן און דורכרייסן זיינען פאַראַן אַריבערגענוג. און אין פילע ערטער איז דערהויפּט שולדיג שלעכטע אָנפירונג אין דער אַרבעט.

מיטן פּלאַן אַריבערצופירן היינטיגן יאָר צען טויזנט איינוואַנדערער האַלט עס ניט צו־גוט, הויפּטזעכלעך צוליב דעם, וואָס וואוינונגען, אין קאָלווירט און אין שטאָט, ווערן געבויט ניט גענוג שנעל לויט די פאָדערונגען. אַ ריי אונטערנעמונגען, וועלכע האָבן שוין געדאַרפט זיין פאַרענדיגט, זיינען נאָך אַרומגעוויקלט מיט רעשטאָוואַניעס. מיט דער וועגן־ און גאַסן־בויאונג האַלט עס נאָך אויך ניט אַזוי ווי מען וואָלט עס געקאָנט ווינטשן, אפילו לויט די שווערע באַדינגונגען אין אַ יונג, פּוסט לאַנד, אין דער טאַיגאַ.

מען האָט אויפגעדעקט פעלערן, מען האָט דעם און יענעם טוער געוואָרנט מיטן האַרבן וואָרט. מען האָט וועניג גערעדט וועגן אויפטואונגען, ווייל עס איז ניט די טבע פון באָלשעוויקעס צו לייגן זיך אָפּרוען אויף לאָרבער־קרענץ. אָבער דאָס איז קלאָר געווען אַן שום רייד — מען האָט אַ סך אויפגעטאָן.

שוין די גרויסע צאָל טוער און בויער, וואָס איז געווען פאַרזאַמלט, האָט עס באַשטעטיגט. און איינער פון די שענסטע שטריכן — פאַר איינעם וואָס קומט פון קאַפּיטאַליסטישע לענדער — איז געווען דער אַרויסטריט פון רוסן און אַנדערע ניט־אידן, וואָס לייגן אַוועק די כחות ביים העלפן בויען די אידישע אויטאָנאָמע געגנט. דאָ האָט זיך אויסגעצייכנט דער אַרויסטריט פון דעם קאָמאַנדיר פון דער דיוויזיע פון דער רויטער אַרמיי ביי דער שטאָט ביראָ־בידזשאַן, חבר וו. ראַכי. וועגן אים מוז מען שרייבן באַזונדער.

זיינען די טעג פון 15טן ביזן 20טן סעפטעמבער געווען באַזונדערס פריילעכע טעג אין ביראָ־בידזשאַן. אידישע דראַמקרייזן און כאָרן פון די פאַרשיידענע אונטערנעמונגען זיינען אַרויסגעטראָטן מיט זייערע שאַפונגען פאַרן פּלענום. און ווען אַ רוסישער זינגער האָט אויפגעזונגען אַ פאָלקס־לידל אויף אידיש, האָט עס באַזונדערס אויסגענומען.

און מען איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען און פאַנאַנדערגעפאָרן — צו נאָך בעסערער און נאָך מער אימפּעטיגער אַרבעט.

ביראָ־בידזשאַן מאַכט אַ נייעם שפּרונג פאָראויס. ביראָ־בידזשאַן לויפט זיך ערשט אויף אַן אמת פאַנאַנדער.

אידישע אויטאָנאָמע געגנט,
סוף סעפּטעמבער, 1936.

# קאָמאַנדיר ראָכי גריסט אייך

— מען מוז בויען די נאַציאָנאַל-אידישע סאָציאַליסטישע קולטור!
— מען מוז זיך אויסלערנען ריידן א גוטן אידיש!
— מען מוז בויען פישער-ארטעלן — דאָס אידישע פאָלק וויל פרישע פיש!

ווער שטעלט עס ארוים די פאָדערונגען? ווער רעדט עס מיט אזא היץ וועגן בויען די קומענדיגע אידישע סאָציאַליסטישע סאָוועטן־רעפּובליק?

אויף דער טריבונע שטייט וו. ראָכי, דער קאָמאַנדיר פון דער רויט־ארמייאישער דיוויזיע, וואָס געפינט זיך ביי דער שטאָט בירא־בידזשאַן.

מיט א טאָג פריער האָב איך געהאַט די געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט אים.

מען האָט מיך פאָרגעשטעלט פארן רויטן דיוויזיע־קאָמאַנדיר אויף אי־דיש. און ער האָט מיט גרויס חשק געענטפערט אויף אידיש. געוויסע ווער־טער זיינען אים אָנגעקומען עטוואָס שווער, האָבן זיך פארוואַנדלט אין דייטש. אָבער דאָס גוטמוטיגע געזיכט פון דעם קאָמאַנדיר ראָכי, וועלכער איז אליין א לעט, האָט אויפגעשיינט ווען אים האָט זיך באַזונדערס איינ־געגעבן צו פאָרמולירן א געדאַנק אין א גוטן אידיש.

וואָס אמת איז אמת — ניט אלע מאָל איז דער חבר ראָכי גוטמוטיג. איך האָב אים געהערט ריידן וועגן די יאַפּאַנישע אימפּעריאַליסטן מיט א שטאָלענער אנטשלאָסנקייט, וואָס מוז צווינגען די באַנדיטן וואָס בושעווען איצט אין מאַנדזשוריע זיי זאָלן זיך וועגן זייערע ווערטער ערנסט פאַרטראַכטן. גאָר אָן קונצן האָט ער דערקלערט, אז ווען די באַנדיטן וועלן אויפהויבן א האַנט וועט מען זיי געבן שמעקן פעפער אויף זייער טעריטאָריע, אזש ביז כארבין — „און נאָך ווייטער, אויב דאָס וועט נויטיג זיין“. אָבער אין א ווייל ארום האָט שוין דער חבר ראָכי ווידער געשיינט. ער האָט זיך אומגעקערט צו אזא ליבער טעמע, ווי בויען די אידישע אויטאָנאָמע געגנט.

מיר זיינען געגאַנגען צוזאַמען מיט די דעלעגאַטן צום פינפטן פּלענום פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט באַקוקן ווי אזוי עס בויט זיך די נייע עלעקטרישע סטאַנציע פון דער שטאָט בירא־בידזשאַן און דער דערבייאיגער וועגנער־זאַוואָד.

איך האָב געוואָלט דערגיין עטוואָס פון ראָכי׳ס ביאָגראַפיע, וועגן זיין

קאָנטאַקט מיט אידישע אַרבעטער פאַר דער מלחמה, און ווי אַזוי ער האָט זיך אויסגעלערנט ריידן אידיש. קאָמאַנדיר ראָכי האָט גערן געענטפערט.

ער איז געבוירן און אויפגעהאָדעוועט געוואָרן אין ריגע. ער איז געווען אַ דרוקער, געאַרבעט אויך אין דווינסק. פאַרשטייט זיך, אַז ער איז גע־קומען אין שטענדיגער באַרירונג מיט אידישע אַרבעטער. אין 1915 איז ער אין וויטעבסק געווען דער פאָרזיצער פונם פאַראיין פון דרוקער און בוכ־בינדער. אָט־אַזוי איז ער מיט אידישע אַרבעטער געוואָרן צוזאַמענגעוואָקסן. דאָס האָט זיך אים „אָפּגערופן" ווען ער איז געשטעלט געוואָרן בראש פון דער רויטער אַרמיי ביי דער הויפּט־שטאָט פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט. אָט־אַזוי האָט ער דאָ אָנגעהויבן אַרויסטרעטן אויף אידיש.

צוזאַמען מיטן קאָמאַנדיר ראָכי זיינען געגאַנגען נאָך צוויי הויכע קאָ־מאַנדירן פון דער רויטער אַרמיי. און פונקט ווי אַלע דעלעגאַטן צום פּלענום האָט זיי הנאה געטאָן וואָס עס וואַקסן די פאַבריקן, הייזער, קולטור־אַנשטאַלטן פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט.

— זאָגט די אידישע אַרבעטער פון אַמעריקע, אַז די אידישע אויטאָנאָ־מע געגנט ווערט געבויט, — האָט חבר ראָכי אויסגערופן מיט געוואַלדיגער צופרידנקייט און בשעת מעשה מיך אַרומגענומען מיט אַ האַנט אַרום פּלייצע, ווי ער וואָלט געוואָלט אַרומנעמען די אידישע אַרבעטנדיגע פון אַמעריקע.

— זאָגט זיי, אַז די לענין־סטאַלינישע נאַציאָנאַלע פּאָליטיק ווערט דורכגע־פירט פון אונז אַלעמען. אַלץ־איינס, אידן צי ניט־אידן, מיר בויען די אי־דישע געגנט!

איר האָט געזען פאַר זיך אַן אויסדרוק פון די ברידערלעכע באַציאונגען צווישן נאַציע און נאַציע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. איר האָט געזען מיט וואָס פאַר אַן ערנסטקייט נ י ט־אידישע קאָמוניסטן נעמען אויף זיך די אויפ־גאַבע פון בויען די אידישע אויטאָנאָמע געגנט. איר האָט געזען די ראָל פון דער רויטער אַרמיי אויך אויף אַזאַ געביט, ווי דורכפירן די נאַציאָנאַלע פּאָ־ליטיק פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און דער סאָוועטן־רעגירונג.

אויף מאָרגן, נאָך דעם באַזוך אויף די בויאונגען פון בירא־בידזשאַן, האָט קאָמאַנדיר ראָכי געהאַלטן זיין רעדע אויפן פּלענום פון דער פּאַרטיי. דער וועכטער וואָס היט אָפּ די סאָוועטישע גרעניצן — און ער האָט פאַר זיין אויסגעצייכנטער אַרבעט געקראָגן אַ לענין־אָרדן — איז געשטאַנען אויף דער טריבונע ווי אַ וועכטער פון דער סאָוועטישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק.

חבר ראָכי האָט געהאַלטן פאַר זיך די באַשטימונג פון צענטראַלן אויס־פיר־קאָמיטעט פון די סאָוועטן, אַרויסגעגעבן דעם 29־טן אויגוסט. אַ היסטאָ־רישע באַשטימונג, וואָס האָט אין דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט אויפ־געהויבן אַ נייע כוואַליע פון באַגייסטערונג. חבר ראָכי האָט געלייענט:

„די אידישע אויטאָנאָמע געגנט ווערט דער צענטער פון דער סאָוועטישער נאַציאָנאַלער אידישער קולטור פאַר דער גאַנצער אידישער אַרבעטנדיגער באַפעלקערונג“.

— דאָס פאַרפליכטעט דאָך אונז צו עפּעס, חברים, נײן? — האָט ער אויסגערופן. און ער האָט געפאָדערט מען זאָל מער און בעסער בויען די אידישע קולטור, מען זאָל מער און בעסער אײנפלאַנצן דאָס אידישע וואָרט.

אָבער דאָס איז אים ניט געווען גענוג. ער האָט זיך אויך אָפּגעגעבן מיט גאַנץ וויכטיגע קלײניקייטן. צום בײשפּיל — די אידישע קאָלווירטניקעס ווייסן נאָך ניט ווי אַזוי אויסצוהאָדעווען גוטע און שײנע פערד, ווי אַזוי אַכטונג צו געבן אויף פערד. איז די רויטע אַרמײ גרייט צו שיקן אירע אינסטרוקטאָרן אין די אידישע קאָלווירטן. די רויטע קאַוואַלעריסטן וועלן אויף אַזאַ אופן העלפן בויען די אידישע לאַנדווירטשאַפט. אַ גוטער קאָלווירט מוז האָבן גוטע פערד!

און — פיש!

פאַרוואָס אַנטוויקלט מען ניט בעסער די אידישע פישער־אַרטעלן? די טײכן פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט זיינען איבערגעפילט מיט פיש. עס גייט איצט די קעטאַ, זי שפּאַרט אויף די ברעגן אין די מיליאָנען, מען קאָן פאַרפלייצן די געגנט מיט פיש!

— דאָס אידישע פאָלק וויל פרישע פיש! — שרייט אויס קאָמאַנדיר ראָכי.

— געפילטע פיש, — כאַפּט מען אים אונטער.

— נו, יע, געפילטע, — פאַרלירט זיך ניט חבר ראָכי. — אויף דעם דאַרף מען טאַקע פרישע פיש! פון געריכערטע פיש וועט איר קיין געפילטע פיש ניט מאַכן!

דער עולם דעלעגאַטן לאַכט, איז אויפגעלייגט. און דער עיקר צוליב דעם, וואָס אַלע פילן, אַז דורך דער זאָרג פאַר אַזעלכע „קלײניגקייטן“, ווי פרישע פיש, דריקט זיך אויס די זאָרג פון דער פּאַרטיי און דער רעגירונג פאַר אַ זאַט, רייך און קולטורעל לעבן פון די אידן, וואָס וואוינען און וועלן קומען וואוינען אין ביראָ־בידזשאַן.

צווישן די דעלעגאַטן, וועלכע זיינען באַשטאַנען פון אַ מערהייט אידן, האָב איך ווידער געטראָפן דעם בלאָנדן סיביריאַק קאַשעווסקי פון בליוכעראָוואָ, דעם ערנסט־פאַרטראַכטן פאַלעניצאַ פון פאַשקאָוו, און אַ ריי אַנדערע ניט־אידישע קאָמוניסטישע טוער, וואָס איך האָב באַגעגנט אויף מיינע באַזוכן אין די פאַרשיידענע ראַיאָנען פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט.

איך האָב ווידער געהערט זייערע פאָדערונגען: מער אידישע איינוואַנדערער, נאָך אידישע שולן, קלובן.

פאַר איינוואַוינער פון אַמעריקע און אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע לענדער וואָלט עס געקלונגען איבעררעשנדיג. אָבער דאָ איז עס אַזוי פּשוט און גע־וויינלעך — ווי פּשוט און געוויינלעך עס איז די גלייכהייט צווישן ראַסע און נאַציע. אַזוי פּשוט — אַז עס דאַכט זיך, אַז פון דור־דורות עקזיסטירט שוין אַזאַ מין גלייכהייט. עס איז דער חוב פון א ל ע מ ע ן צו העלפן די אידן באַקומען נאַציאָנאַל־אידישע מלוכה'שקייט גלייך מיט אַלעמען און שאַפן אַ צענטער פאַר דער אידישער סאָציאַליסטישער קולטור.

און דאָ דערמאָן איך זיך אַזאַ פאַל: אויף מיין באַזוך אין דעם קאָל־ווירט (קאָלעקטיווע פאַרם) „וואַלדהיים", ניט ווייט פון דער שטאָט ביראָ־בידזשאַן, האָב איך געטראָפן אַ בלאָנד רוסיש מיידעלע, וועלכע איז אַ שי־לערין פון דער דאָרטיגער אידישער שול. זי האָט ניט נאָר גערעדט אַן אויס־געצייכנטן אידיש, נאָר האָט אַרויסגעוויזן אַ קענטעניש אין אידישער ליטע־ראַטור, וואָס האָט איבערגעשטיגן די קענטעניש פון געוויסע אידישע קינדער.

איך האָב דער בלאָנדער רוסישער מיידעלע — ווערא, האָט זי געהייסן — אַרויסגעוויזן אַ ספּעציעלן אינטערעס. אַ רוסישער קאָמוניסט, וואָס איז געווען מיט מיר, האָט עס ניט געקאָנט אינגאַנצן פאַרשטיין.

— וואָס איז דער וואונדער, — האָט ער זיך אָפּגערופן, — זיינען דען ניט פאַראַן אידישע קינדער וואָס ריידן רוסיש און קענען די רוסישע ליטעראַטור?

ער האָט ניט באַגריפן אַז אַפילו זיין אַרגומענט איז זייער אַ מאָדנער פאַר איינעם, וואָס קומט פון קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

ענלעכע אַרגומענטן קומט אייך דאָ אויס זייער אָפט צו הערן. מ ע ן ה ע ר ט ש ו י ן ד אָ א ו י ף צ ו פ אַ ר ש ט י י ן ו ו אָ ס ד אָ ס ה י י ס ט נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע א ו מ ג ל י י כ ה י י ט. דאָס וואָס מען שטעלט אויף איין ברעטל די אידישע שול מיט אַלע אַנדערע שולן, דאָס וואָס מען האַלט פאַר אַ געוויינלעכע זאַך, אַז אַ רוסיש קינד זאָל גיין אין אַ אידישע שול און זאָל קענען אידישע ליטעראַטור, איז אַן אויסדרוק פון דער נ י י ע ר צ י וו י ל י ז אַ צ י ע, די סאָוועטישע, און פון דעם אופן, ווי אַזוי זי האָט געלייזט די נאַציאָנאַלע פראַגע.

און אַ לויכטנדיגער און אַנטציקנדיגער מוסטער פון דער דאָזיגער ציר־ווילִיזאַציע איז ווידעראַמאָל דער קאָמאַנדיר פון דער דיוויזיע פון דער רויטער אַרמיי ביי דער שטאָט ביראָ־בידזשאַן, וו. ראָכי.

ער האָט מיט האַרץ קריטיקירט די פאַלן ווען אידישע איבערוואַנדערער,

וואָס קומען אַהער, ווערן ניט ווי געהעריג אויפגענומען. ער האָט דערקלערט, אַז דער קומענדיגער פּלענום פון דער פּאַרטיי דאַרף שוין געפירט ווערן אויף אידיש — ניט געקוקט דערויף, וואָס אַ באַדייטנדיגע צאָל טוער, באַזונדערס פון די אַלטע רוסישע ישובים, זיינען ניט קיין אידן. מען וועט דאַרפן אין דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט — האָט ער דערקלערט — אַזוי שאַרף אַוועקשטעלן די פראַגע וועגן דער נאַציאָנאַלער שפּראַך, ווי זי איז אַמאָל געשטעלט געוואָרן אין אוקראַינע בנוגע אוקראַיניש, אין ווייסרוסלאַנד בנוגע ווייסרוסיש, און אַזוי ווייטער.

עס האָט גערעדט איינער, וואָס איז מיט לייב און לעבן אַריינגעטאָן אין דער בויאונג פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט, און קליינינקייטן גייען אים אָן ווי גרויסיגקייטן. און ער איז ניט איינער. זייט ביי זייט מיט דער גרויסער צאָל אידישע קאָמוניסטן, וואָס אַרבעטן טאָג און נאַכט אויף דער בויאונג פון דער געגנט — און די אַרבעט איז אַ שווערע. מיר האָבן צו טאָן מיט אַ פּוסט און רייך לאַנד וואָס דאַרף באַהערשט ווערן, און וואָס גיכער — גייען ניט־אידישע קאָמוניסטן, וואָס אַרבעטן מיט ענטוזיאַזם פאַר דער אויפבויאונג פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט. און אָט־דאָס דערציילט וועגן יענעם פּרעכטיגן און אויסערגעוויינלעכן קאַפּיטל, וואָס בירא־בידזשאַן, ווי דער גאַנצער סאָוועטן־פאַרבאַנד, שטעלט מיט זיך פאָר — די פריינטשאַפטלעכע, ברידערלעכע באַציאונגען צווישן נאַציע און נאַציע, צווישן איד און ניט־איד.

אַזוי ברידערלעך, ווי עס איז געווען דער האַנט־דרוק פון דעם הויכן קאָמאַנדיר פון דער רויטער אַרמיי, וו. ראַכי·

— זאָגט די אידישע אַרבעטנדיגע פון אַמעריקע, אַז די אידישע אויטאָנאָמע געגנט ווערט געבויט פון אונז אַלעמען.

זאָג איך. און ס'איז וואָר. זי ווערט געבויט. אַלע בויען די געגנט.

אידישע אויטאָנאָמע געגנט,
סוף סעפּטעמבער, 1936.

# אידישע קולטור אין ביראָ־בידזשאַן

פאַראַן אַ גאַס אין ביראָ־בידזשאַן, וואו עס איז זייער יוגנטלעך און זייער פרייליך אין די זומערדיגע פאַרנאַכטן — די קאַזאַקעוויטש־גאַס (אַ נאָמען נאָכן ניט־לאַנג צוריק פאַרשטאָרבענעם טוער ה. קאַזאַקעוויטש, רע־דאַקטאָר פון „ביראָ־בידזשאַנער שטערן״).

דער עיקר איז ניט אַזוי דער פּאַרק פון קולטור און אָפּרו, וואָס געפינט זיך דאָ ניט ווייט — אויף אַן אינזל צווישן דער בירא און אירן אַן אויסגוס. דאָס אויך. אָבער דער עיקר זיינען דאָ די היפּשע עטלעכע געביידעס פון דעם פּעדאַגאָגישן און באַרג־מעטאַלורגישן טעכניקומס, די לערן־געביידעס, די צוזאַמענוואוינונגען (דאָרמיטאָרים). דאָ שפּאַצירט יוגנט, דאָ קלינגט אַ גוטער אידיש, דאָ הערן זיך לידער פון די פענצטער, פון די באַלקאָנען.

פאַראַן אָבער נאָך אַ ווינקל, וואָס קאָנקורירט שטאַרק מיט דער טעכ־ניקום־גאַס — דאָס געסל פאַרן מלוכה־טעאַטער (אידישער, פאַרשטייט זיך). דאָ שפּאַצירט מען, דאָ זיצט מען. דאָ טרעפט איר אַקטיאָרן, שרייבער, קולטור־טוער, לערער. ניט ווייט פון טעאַטער איז דאָ די גרויסע אידישע קינדער־שול, וואו עס לערנען זיך 900 קינדער. און אַנטקעגן דער שול איז די גרויסע געביידע פון דעם מלוכה־הויז — דער אויספיר־קאָמיטעט, מיט זיינע בילדונג־ און קולטור־אָפּטיילן, מיט אַ וויסנשאַפטלעכער קאָמיסיע.

אויף דער זעלביגער גאַס בויט זיך די צענטראַלע ביבליאָטעק, די צענט־ראַלע דרוקעריי, וואו עס וועלן זיך געפינען ביידע ביראָ־בידזשאַנער צייטונ־גען (דער טעגלעכער „ביראָ־בידזשאַנער שטערן״ און די רוסישע „ביראָ־בי־דזשאַנסקאַיאַ זוויעזדאַ״, וואָס גייט אַרויס דריי מאָל אין וואָך). אָבער שוין איצט קאָנקורירט די גאַס גאַנץ שטאַרק מיט דער טעכניקום־גאַס.

איך בין אָבער געווען אויף אַן אָוונט, וואו עס זיינען אַרויסגע־טראָטן: דער דראַמאַטישער קרייז פון דער ניי־פאַבריק, אַ טריאָ פון דער בוי־אַנשטאַלט פאַר איבערוואַנדערער, אַן אָרקעסטער פון דער „דימיטראָוו״ מעבל־פאַבריק. עס זיינען אויך אַרויסגעטראָטן זינגער, שפּילער, דעקלאַ־מאַטאָרן, רעציטאַטאָרן פון „ביראָ־בידזשאַנבוי״, פון דער ציגל־פאַבריק, פון דער — מיליציע! מען האָט געגעבן עטלעכע איינאַקטערס, מען האָט גע־זונגען אידישע פאָלקס־לידער, מען האָט דעקלאַמירט און פאַרגעלייענט שאַ־פונגען פון אידישע שרייבער.

אַזוי אַז אידישע קולטור אין ביראָ־בידזשאַן איז זייער אַ ברייטער

באַגריף. איר טרעפט זי ניט נאָר אין באַשטימטע קולטור־אינסטיטוציעס. איר טרעפט זי אויף די פאַבריקן און אונטערנעמונגען און אַנשטאַלטן. זי איז די נאַציאָנאַלע קולטור פון דער געגנט!

. . . .

אָבער לאָמיר פאַרט אַ קוק טאָן אויף דער טעכניקום־גאַס. הלמאי זאָל




דער אָנהויב פון אידישער מלוכה'שאַפט: פאָטאָ־גראַפיע פון עטלעכע פון די אָפיציעלע בלאַנקן און אַנדערע פאַפּירן, אויך פּאָסט־שטעמפּלען, אין דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט, וואו די אידישע שפּראַך איז די אָפיציעלע מלוכה־שפּראַך.

מען לייקענען — אויף דער גאַס איז פרייליך צו גיין. טאַ לאָמיר דאָ אָנהויבן מאַכן דעם צעטל פונם פאַרמעגן פון דער אידישער קולטור אין ביראָ־בידזשאַן.

דאָ טרעפט איר קודם די דריי געביידעס פונם פעדאַגאָגישן טעכניקום. עס לערנען דאָ 215 סטודענטן. מען גרייט דאָ צו לערער. פאַראַיאָרן זיינען אַרויסגעלאָזט געוואָרן אינגאַנצן ניין לערער. היינטיגן יאָר — צוועלף. אין 1937 וועלן אַרויסגעלאָזט ווערן 24 לערער. די גרעסטע צאָל סטודענטן געפינען זיך נאָך אויף די ערשטע קורסן (פיר קורסן זיינען פאַראַן). גאַנצע 130 סטודענטן זיינען ערשט אָנגעקומען היינטיגן יאָר. דער טעכניקום וואַקסט זיך ערשט פאַנאַנדער.

דער וואוקס פון דעם טעכניקום איז כאַראַקטעריסטיש פאַר ביראָ־בידזשאַן. אָנגעהויבן האָט מען צום סוף 1932 מיט אַ הייפעלע פון זיבן (7) סטודענטן. געלערנט האָט מען וואו עס האָט זיך געמאַכט. איצט האָבן מיר שוין פאַר זיך אַ טעכניקום! אָבער די טויער זיינען פול מיט פלענער פון ווייטערדיגן וואוקס.

עס איז שוין ניט קיין נייעס, אַז אַזעלכע געגנשטאַנדן ווי מאַטעמאַטיק, פ ־יק, געאָגראַפיע, נאַטור־קענטעניש זאָלן געלערנט ווערן אויף אידיש. דער עיקר איז אָבער, וואָס דאָ איז עס אַזאַ נאַטירלעכע און פשוט'ע זאַך — פונקט ווי עס איז נאַטירלעך וואָס די צוויי־צענדליג רוסישע סטודענטן (פאַר לערער אין די רוסישע שולן פון דער געגנט) זאָלן לערנען אידיש.

נאָך די פעדאַגאָגישע לימודים ווערט דאָ דאָס גרעסטע אָרט אָפּגעגעבן די לימודים פון אידיש, אידישער ליטעראַטור, געשיכטע (אַלגעמיינע, רוסי־שע, אידישע). די אויסלענדישע שפּראַך, וואָס ווערט געלערנט אין טעכ־נ קום, ווי אין אַלע העכערע שולן אין ווייטן מזרח, איז — ענגליש.

דער שכנ'ישער באַרג־מעטאַלורגישער טעכניקום, וועלכער איז אויף צוויי יאָר אינגער פונם פעדטעכניקום, האָט שוין אָבער דעם לעצטן אָנגע־יאָגט אין דער צאָל סטודענטן, אין פאַרנעם, און וועט אינגיכן זיין עלטערן שכן אַריבערשטייגן. אַרויסגערופן ווערט עס דורך דער נויטווענדיגקייט צו באַהערשן וואָס גיכער די אוצרות פון דער געגנט. דער פאַלקס־קאָמיסאַ־ריאַט פון דער שווערער אינדוסטריע לייגט דאָ אַריין גרויסע סומען געלט. דער פאַרנעם איז דאָ אַזוי ברייט, אַז די איצטיגע עטלעכע געביידעס באַ־נוגענען שוין ניט. מען לייגט שוין דעם פונדאַמענט פאַר אַ גרויסער 4־שטאָ־קיגער געביידע, וואָס וועט באמת זיין אַ צירונג לויט איר אויסזען (דער פּראָיעקט פון דער געביידע ווערט געשיקט אויף דער אַרכיטעקטור־אויס־שטעלונג אין פּאַריז).

דאָ ווערן געלערנט אויף אידיש אַזעלכע לימודים, ווי מעטאַל־קענטע־ניש, אַנאַליטישע כעמיע, פיזישע כעמיע, אַלגעמיינע מעטאַלורגיע, קאָנ־סטרוקציע פון שמעלץ־אויוונס, עלעקטראָ־טעכניק, מאַשין־קענטעניש. עס איז אויסגעקומען און עס קומט כסדר אוים צו שאַפן נייע אידישע טערמי־נען פאר די פאַרשיידענע לימודים.

חוץ די צוויי טעכניקומס, וועלכע זיינען שוין מער־ווייניג איינגעפונ־דעוועט, געפינט זיך אין בירא־בידזשאַן אַ יונגער מעדיצינישער טעכניקום, וועלכער האָט נאָך ניט קיין אייגענע געביידעס און גייט דורך די ערשטע יאָרן פון פּאָקן און מאָזלען (ער האָט 52 סטודענטן). אויסער דער שטאָט בירא־בידזשאַן געפינט זיך אין דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט (אין כטאַלינסק) אַ לאַנדווירטשאַפטלעכער טעכניקום, וועלכער וועט מעגלעך אריבערגעפירט ווערן קיין בירא־בידזשאַן, וואו ער וועט זיך קאָנען באַנוצן מיט די אַלגעמיינע קולטור־כוחות.

די ווייט־גרעסטע מערהייט סטודענטן פון די טעכניקומס זיינען יוגנט־לעכע פון אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד. זיי קריגן געצאָלט — ווי אַלע סטו־דענטן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד (פון 90 ביז 160 רובל אַ חודש, עס ווענדט זיך אין וועלכן קורס מען איז). זיי האָבן אַ פרייע צוזאַמענוואוינונג, זיי האָבן אייגענע רעסטאָראַנען, וואו זיי קריגן מיטאָג פאר זייער אַ ביליגן פּרייז, זיי קריגן מעדיצינישע הילף פריי, און וואַקאַציע, אָפּרו־הייזער און אויך קוראָרט, ווען דאָס איז נויטיג.

צו די אַן ערך פינף הונדערט סטודענטן פון די דריי בירא־בידזשאַנער טעכניקומס דאַרף צוגערעכנט ווערן די פּאַרטיי־שול, מיט אַרום צוויי הונ־דערט סטודענטן. זיי אַלע שטעלן פאָר מיט זיך אַ קראַפט פאר אידישער קולטור, וואָס ווירקט ווייט אויסער די ווענט און די שפּיל־הויפן פון די לערן־אנשטאַלטן. זיי העלפן אַריינברענגען קולטור צווישן געקומענע פון אוקראַי־נע און ווייס־רוסלאַנד, איינפלאַנצן אַ ריינע שפּראַך (דער דורכשניטלעכער אוקראַינישער איד, ווי באַוואוסט, איז אַ קנאַפּער קענער פון אידיש, און ריינקייט פון וועלכער עס איז שפּראַך, אידיש צי רוסיש, איז פאר אים אַן אומבאַקאַנטע זאַך...)

נאָך מיר האָבן זיך שוין צופּיל פאַרהאַלטן אויף דער טעכניקום־גאַס. אפשר דערפאר, וואָס די טעכניקומס האָב איך שוין געטראָפן ביי דער אַר־בעט, בעת דעם טעאַטער איז מיר ניט אויסגעקומען צו זען שפּילן. מיט עטלעכע טעג פאר מיין קומען (אין מיטן יולי) האָט ער פאַרענדיגט דעם סעזאָן מיט אַ נייער אויפפירונג (דאַניעל׳ס „זיאַמקע קאָפּאַטש״) און ביז מיין אָפּפאָרן (סוף סעפּטעמבער) האָט ער ניט געשפּילט.

דער טעאַטער האָט אינגאַנצן אַ געשיכטע פון צוויי יאָר הינטער זיך. די טרופּע איז אין 1934 געשאַפן געוואָרן פון אַ גרופּע וואָס האָט געענדיגט דעם טעאַטראַלן טעכניקום ביים מאָסקווער אידישן טעאַטער. אין די צוויי יאָר האָט ער שוין געשטעלט העכער צען פּיעסן. צוליב דעם וואָס די באַפעלקערונג פון שטאָט איז דערווייל פאַרהעלטניסמעסיג קליין קאָן אַ פּיעסע צו לאַנג ניט גיין (צום לייגנסטן — 30 מאָל — איז ביז איצט געגאַנגען סלאַווינ'ס „אינטערווענציע"). דער טעאַטער האָט געגעבן צוויי שלום עליכם אויפפירונגען און אויפפירונגען פון קושניראָוו, דאָברושין, זעלדין, דאַניעל.

אַ היפּשער פּראָצענט פון די באַזוכער פון טעאַטער זיינען ניט־אידן. זיי גייען געווינלעך מיט אידישע באַקאַנטע, וועלכע פאַרטייטשן זיי דעם אינהאַלט. אַנדערע פאַרשטייען שוין אַליין אידיש. די פאָרשטעלונגען פון טעאַטער האָבן אין 1935 באַזוכט אַרום 25 טויזנט מענטשן. די קאָנצערטן (קליין־קונסט) — אַרום 15 טויזנט. דער טעאַטער פאָרט אויך אַרויס איבער דער געגנט. אין אויגוסט איז ער אַרויסגעפאָרן איבערן אַמור־פּאַס. דאָרט האָט ער געשפּילט פאַר קאָלווירטניקעס און — פאַר די מאַטראָסן און קאָמאַנדירן פון דער אַמורער פלאָטיליע. איין פאָרשטעלונג האָט ער געגעבן אויף אַ קריגס־שיף. געשפּילט האָט מען אויפן דעק פון דער שיף און דער עולם איז געזעסן אויפן ברעג. אַ רוסישער מאַטראָס האָט געהאַלטן אַ באַגייסטערטע רעדע וועגן דער לייזונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע און וועגן דעם אויפבוי פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט.

מיר איז אויסגעקומען צו זען איינצעלנע אַקטיאָרן אין קורצע רעפּעטיציעס. אַ שטיקל באַגריף האָט מען געקאָנט באַקומען, אַז מיר האָבן צו טאָן מיט טאַלאַנטירטע און געשולטע שפּילער.

די מלוכה גיט אויס אויפן טעאַטער 400 טויזנט רובל אַ יאָר.

אין אָט־דעם טרוקענעם צעטל וועגן די פאַרמעגנס פון דער אידישער קולטור אין בירא־בידזשאַן פאַרנעמט אויך אַן אָנגעזעענעם אָרט די לערערשאַפט פון די אידישע שולן, וועלכע מערט זיך פון יאָר צו יאָר. גאָר אַ באַזונדערן אָרט פאַרנעמט דאָ די אָרגאַניזאַציע פון אידישע שרייבער, וועלכע גרופּירן זיך אַרום דער טעגלעכער צייטונג „בירא־בידזשאַנער שטערן" (די צייטונג וועט אין גיכן דערשיינען אין גרויסן פאָרמאַט) און דעם נייעם רייכן זשורנאַל „פאָרפּאָסט".

צו די קולטור־פאַרמעגנס אין בירא־בידזשאַן דאַרפן צוגערעכנט ווערן די פילמס מיט אידישע אויפשריפטן און פיל אַזעלכע „קלייניגקייטן", וואָס נעמען זיך דערפון, וואָס די אידישע שפּראַך איז די מ ל ו כ ה ־ ש פּ ר אַ ך אין דער געגנט. אַהער גייען אַריין — דאָס געריכט, די פּאָסט, די מיליציע,

די פארשיידענע אָרגאַנען פון די סאָוועטן און דעם צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט. אַהער גייט אַריין דער פאַרטיי־אַפּאַראַט (כאָטש עס איז אמת, אַז עס ווערן איצט געמאַכט די ערשטע טריט ברייט אַריבערצוגיין אויף אידיש — אַלס רעזולטאַט פון דער היסטאָרישער באַשטימונג פון דעם צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט אין מאָסקווע, דעם 29טן אויגוסט).

עס זיינען נאָך פאַראַן אַ סך בלויזן אין דער קולטור־אַרבעט, ווי אין אַנדערע אַרבעטן. אָפּט פעלן טעכנישע מיטלען (אַ געהעריגע דרוקעריי, קלובן), אָפּט פעלן די פאַסנדיגע טוער. ערנסטע בלויזן עקזיסטירן אין פּרט פון קולטור פאַר די ברייטע מאַסן. דאָס אַלץ — ניט געקוקט אויף דער קולטור־אַרבעט אין די פאַבריקן און אונטערנעמונגען, און ניט געקוקט דעריויף, וואָס אָט־די אַרבעט שטעלט פאָר מיט זיך זייער אַ באַדייטנדיגן עלעמענט פון דער אידישער קולטור אין דער געגנט. אַרום און אַרום מוז מען זאָגן וועגן דער קולטור־אַרבעט, ווי וועגן אַלץ אין דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט:

— אַן אָנהויב פון אַ גרויסער זאַך — און אַ גרויסער אָנהויב!

פון דעם וואָס עס איז שוין פאַראַן, פון דער ליבע און זאָרג און מיטלען, וואָס די סאָוועטן־מלוכה שיינקט דעם אויפבוי פון דער נאַציאָנאַלער אידישער קולטור — נאַציאָנאַל אין פאָרם, סאָציאַליסטיש אין אינהאַלט — קאָנט איר שוין מיט אייערע אייגענע אויגן זען דעם מ אָ ר ג ן פון דער אידישער קולטור אין בירא־בידזשאַן, איר נאָך ברייטערן, וואונדערלעכן אויפבלי.

די באַשטימונג פון ציק פון 29טן אויגוסט דערקלערט:

„די אידישע אויטאָנאָמע געגנט ווערט דער צענטער פון דער סאָוועטישער נאַציאָנאַלער אידישער קולטור פון דער גאַנצער אידישער אַרבעטנדיגער באַפעלקערונג".

מיט דער הילף פון דער פירנדיגער און העלפנדיגער האַנט פון דער רעגירונג פון דעם גרויסן סאָוועטן־לאַנד ווערט דער צענטער געשאַפן. גייט די אידישע קולטור אין בירא־בידזשאַן אַלץ זיכערער אויפן וועג פון געזונטער און פולבלוטיגער אַנטוויקלונג.

אידישע אויטאָנאָמע געגנט,
סוף סעפּטעמבער, 1936.

# „אויסלענדער" אין בירָא־בידזשאַן

— פּאַרריכט מיר דעם זייגער, זייט אַזוי גוט.

— אוממעגלעך. סיידן איר ווילט וואַרטן צען־פופצן טעג. צופיל אַרבעט.

אַזאַ ענטפער האָב איך געקראָגן פון אַ זייגערמאַכער אין בירָא־בידזשאַן. האָב איך אים דערקלערט, אַז איך בין אַ גאַסט, איך פאָר אַרום, איך מוז האָבן אַ זייגער. גיט ער אַ קוק אויף מיר:

— איר דערקענט מיך ניט?

ווייזט זיך אַרויס, אַז איך בין געווען ביי אָט־דעם זייגער־מאַכער אין הויז, אין ווילנע, מיט פיר יאָר צוריק.

אויף מיין קורצן באַזוך אין ווילנע אין 1932 האָט מען מיר דערציילט וועגן איינעם וואָס וויל זייער שטאַרק פאָרן קיין בירָא־בידזשאַן און וואָס האָט אַ גאַנצן צעטל אַזעלכע ווי ער. מען האָט מיך צוגעפירט צו אַ קרעמל, — איינס פון די „באַרימטע" קרעמלעך, וואו עס איז פאַראַן ווייניג סחורה און אַ סך שטייערן.

— איך האַלט די קראָם? — האָט מיר די קרעמערקע דעמאָלט געזאָגט, — די קראָם האַלט מיר.

עס האָט אָנגעכאַפּט אַן אומעט פון דער קראָם. איר האָט געזען, אַז היינט־מאָרגן גייט זי אונטער.

דער מאַן פון דער קרעמערקע איז געווען אַ זייגערמאַכער אָן אַרבעט. זיין באַנגער נאָך אַרבעט איז געווען אַזוי גרויס, אַז איך האָב געפילט ער וואָלט געווען גליקלעך צו שטיין און אַרבעטן פאַר וויפיל עס זאָל ניט זיין, — אַבי אַרבעטן, אַבי ניט פילן, אַז ער איז איבעריג אויף דער וועלט!

ער האָט מיר אַריינגעפירט אין אַ ציכטיג שטיבל, וואו דער אומעט האָט אַרויסגעפייפט פון אַלע ווינקעלעך — צוזאַמען מיט'ן דלות — און האָט מיר געוויזן אַ פּאַק בריוו וועגן בירָא־בידזשאַן. און אַ צעטל האָט ער מיר געוויזן פון נאָך אַ פאָר צענדליג וואָס ווילן פאָרן.

— ווי אַזוי פּאַקט מען זיך אַריבער קיין בירָא־בידזשאַן?

איצט, אין 1936, איז דער זעלביגער זייגערמאַכער אין בירָא־בידזשאַן און וויל ניט אָננעמען מער קיין אַרבעט, ווייל ער האָט שוין איבערגענוג. די ווייב דאַרף (פאַרשטייט זיך) ניט האַנדלען. די טעכטער (טאַקע געראָ־

טענע, אָבער אין ווילנע וואָלט מען באַדאַרפט נדן) האָט מען דאָ זייער געלונגען „אויסגעבען". קינדער לערנען זיך, פאָרן אויף קוראָרטן, אַרבעטן זיך אַרויף.

איך האָב דערזען פאַר זיך אַן אַנדער מענטשן. ער האָט גערעדט וועגן נאָך מער אידישע קולטור, וועגן נאָך שנעלערער בויאונג. יענע קליינלעכע דאגות פון 1932, דאגות פון אַרבעט, פּרנסה, שטייערן, זיינען געלעגן ערגיץ אין דער ווייט־ווייטער טרויעריגער פאַרגאַנגענהייט.

עס איז געווען אַן אַנגענעמע באַגעגעניש (און דער זייגער איז, פאַרשטייט זיך, פאַרריכט געוואָרן!) און כמעט אַלע באַגעגענישן מיט „אויסלענדער" זיינען געווען אַנגענעמע. איר האָט געזען פאַר זיך מענטשן, וואָס פילן זיך ווי ניי־געבוירענע, וואָס טוען וויכטיגע אַרבעט.

געקומענע פון ליטע מאַכן אויס די גרעסטע צאָל צווישן די „אויסלענדער". צווישן זיי האָב איך געטראָפן מיטגלידער פון יענער גרופּע, וואָס מען האָט אַרויסגעשיקט פון דאַנען און וועגן וועלכער די ציוניסטישע פּרעסע אין ניו יאָרק האָט אַ טרייב געטאָן רכילות. די גרופּע איז באַשטאַנען פון נאָענט פון הונדערט ט ו ר י ס ט ן פון ליטע, וועמענס טור עס האָט זיך געענדיגט אין מאָסקווע. זיינען זיי אַליין, אומגעזעצלעך, אוועקגעפאָרן קיין ביראָ־בידזשאַן. האָט מען זיי געשיקט צוריק. ט ו ר י ס ט ן ק אָ נ ע ן נ י ט ב ל י י ב ן א י ן ל אַ נ ד. סוף כל סוף האָט אָבער מאָסקווע באַשלאָסן, אַז מען קאָן די הונדערט אידן ניט צוריקשיקן קיין ליטע און זיי זיינען געפאָרן צוריק אַהער, צו באַזעצן זיך (מיט'ן אויסנאַם פון אַ צוואַנציג, וועלכע האָבן פריצייטיג אויפגעגעבן די האָפענונג און זיינען אָפּגעפאָרן קיין ליטע; זיי באַדויערן עס זייער שטאַרק). דערווייל האָט שוין אויך גענאָסן פון דער אויסנאַם־פּריווילעגיע אַ טוריסט פון אַמעריקע, אַ האָלץ־אַרבעטער, און אַ טוריסט פון פּאַריז, אַ שניידער, וועלכע האָבן זיך „אָנגעשלאָסן" אָן דער מחנה ליטוואַקעס. זייער גורל איז דעריבער אויך געלייזט געוואָרן צום גוטן (טוריסטן מוזן אָבער געוואָרנט ווערן, אַז זיי קאָנען נ י ט אויסרעכענען אויף צו פאַרבלייבן).

ליטווישע איבערוואַנדערער, צוזאַמען מיט די אַרגענטינער האָבן זיך צום בעסטן אַקלימאַטיזירט אין ביראָ־בידזשאַן. דאָס איז געווען אַן עלעמענט, וואָס איז געווען צום בעסטן צוגעפּאַסט בייצוקומען די שוועריגקייטן פון די פאַרגאַנגענע יאָרן (און שוועריגקייטן זיינען געווען זייער גרויסע). דאָס קאָן ניט געזאָגט ווערן וועגן די איבערוואַנדערער פון דייטשלאַנד, פראַנקרייך און פּאַלעסטינע (וועגן די אַמעריקאַנער וועלן מיר ריידן באַזונדער).

איך האַלט, אַז די פּאַלעסטינער זיינען דאָ אין 1932 געשטעלט געוואָרן

פּאַר באַזונדערס שווערע באַדינגונגען. איך בין געווען אין לאַנדאַקאַ, וואו עס בויט זיך נאָך אַלץ דער קאַלך־זאַוואָד (דאָ איז די בויאונג ניט געראָטן, ציט אַרויס די עצמות). די באַדינגונגען זיינען נאָך איצט אויך ניט קיין גלענצענדיקע. מען קאָן זאָגן, אַז דאָ, אין דעם אויסערגעווײנלעך־שיינעם ווינקל צווישן די בערג, וואו לאַנדאַקאַ ליגט, איז דער צושטאַנד פון וואוי־נונגען, קולטור־באַדינונג, שטייגער־לעבן בכלל, שיר ניט אויפן שוואַכסטן אָרט אין דער געגנט. קאָן מען זיך פאָרשטעלן ווי די לאַגע האָט אויס־געקוקט אין 1932. איז כאָטש מען קאָן ניט סאַנקציאָנירן (גוטהייסן) דעם אַקט וואָס פיל פּאַלעסטינער זיינען זיך צעפאָרן קיין מאָסקווע און אַנדערע שטעט, קאָן מען אָבער פאַרשטיין, וואָס עס האָט זיי באַוועגט אָנצושליסן זיך דעמאָלט אָן די וואָס זיינען צוריקגעפאָרן פון דאַנען (צוריק קיין פּאַ־לעסטינע זיינען בלויז צוויי־דריי אָפּגעפאָרן; פיל פּאַלעסטינער האָבן זיך גוט איינגעאָרדנט אין גרויסן „שאַריקאָפּאָדשיפּניק" זאַוואָד אין מאָסקווע און האָבן אַרויסגערוקט פון זיך אַ פּאָר זייער וויכטיקע אָנפירער אויף דעם זאַוואָד).

אַרום 20—25 „פּאַלעסטינער" געפינען זיך אָבער אין דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט און פון דער קליינער צאָל האָבן זיך פיל אַרויסגערוקט אויף וויכטיקע פּאָזיציעס (אָנפירער פון באַרג־צעך אין לאַנדאָקאָ; אָנפירער פון וואַלד־געווערב פאַרבאַנד; אינסטרוקטאָר אין בילדונג־אָפּטייל; מיט־אַרבעטער אין „בּיראָ־בידזשאַנער שטערן"; סטאַכאַנאָוועצעס אויפן פּאַניר־זאַוואָד און אין פאַבריק „דעטאַל").

מיט די איבערוואַנדערער פון דייטשלאַנד און פראַנקרייך האָט פּאַסירט אומגעפער דאָס זעלביקע, וואָס מיט די פּאַלעסטינער. די מערהייט איז אַוועק אין אַנדערע טיילן פון פאַרבאַנד, און פון די פאַרבליבענע זעען זיך אַ סך אָן אין די פאַבריקן און אַנשטאַלטן אויף פאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעט. ליטווישע איבערוואַנדערער און אַרגענטינער זיינער כמעט אַלע פאַרבליבן דאָ.

צוליב זייער בעסערער קוואַליפיקאַציע אַלס אַרבעטער און צוליב דעם וואָס זיי קומען פון גרעסערע שטעט, זעען זיך די אויסלענדער שטאַרק אָן צווישן די געקומענע פון אוקראַינע און ווייס־רוסלאַנד, וואָס די מערהייט פון זיי האָט נאָך אויף זיך דעם שטעמפּל פון דעם קליינעם שטעטל. די אויס־לענדער ווערן דאָ באַטראַכט ווי *זייער אַ געוואונשענער עלעמענט*.

אויף אַלע אונטערנעמונגען וואו איך בין געווען האָט מען זיך זייער גוט אָפּגערופן וועגן די אויסלענדער. אין פיל פון די אונטערנעמונגען זיינען די מערהייט פון די אויסלענדישע אַרבעטער — סטאַכאַנאָוועצעס.

אין אַ געוויסן זין קאָנען די געקומענע פון אויסלאַנד בעסער אָפּשאַצן

דאָס וואָס די סאָוועטן־רעגירונג טוט פאַר די אידן. בעת די איבערוואַנ־דערער פון די אַנדערע טיילן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד טראַכטן שוין מער ניט וועגן פאַרפאָלגונגען, אַנטיסעמיטיזם, פּאָגראָמען (און דאָס איז, פאַרשטייט זיך, אַ דערפרייענדיגע דערשיינונג), געדיינקען די געקומענע פון אויסלאַנד זייער גוט וואָס זיי האָבן ערשט נעכטן איבערגעלעבט און זיי ווייסן דעם גורל פון די וואָס געפינען זיך אויף „יענער זייט“.

זיי ווערן אַלע פאַרוואָרפן מיט בריוו. „נעמט אונז אַריבער“, שרייבט מען אין די בריוו.

אַן אַרבעטער, וואָס איז געקומען פון דייטשלאַנד, איינער פון די בעסטע כּטאַכאַנאָוועצעס אויף דער האָלץ־פאַבריק „דעטאַל“, האָט זיך געקלאָגט פאַר מיר, אַז זיינע קרובים זידלען אים פּשוט: ער האָט זיך אַרויפגעאַרבעט, גע־וואָרן — הייסט עס — אַן אַלרייטניק, און האָט פאַרגעסן אַן דער משפּחה אויף „יענער זייט“.

די איבערוואַנדערונג פון אויסלאַנד איז אָבער ניט אַזוי פּשוט ווי די דאָזיגע קרובים שטעלן זיך פאָר. קומען אַהער קאָן מען ניט אויפ׳ן סמך דערפון וואָס מען האָט קרובים אין בירא־בידזשאַן, נאָר צוליב אייגענע מעלות. מען דאַרף זיין צוגעפּאַסט צו בירא־בידזשאַן, דער עיקר לויט׳ן פאַך. די איינשטעלונג איז אויך צו האָבן פאַר אויסלענדישע איבערוואַנדערער ספּעציעל־צוגעגרייטע וואוינונגען, כּדי זיי זאָלן זיך באַלד באַפעסטיגן אין דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט. די שוועריגקייטן אין דער בויאונג שטעלן פאַר מיט זיך אַ גרויסע שטערונג.

עס איז קיין פראַגע ניט, אַז די מער־פאַרזיכטיגע באַציאונג צו דער אויסלענדישער איבערוואַנדערונג וועט ברייגנען דערצו, אַז די וואָס וועלן געבראַכט ווערן אַהער וועלן זיך באַלד איינאָרדענען און אַריינפּאַסן זיך אין דער בויאונג פון דער געגנט. די איינשטעלונג איז, ווי באַוואוסט, אויף איינוואַנדערער פון פּוילן. טיילווייז — פון ליטע. כאָטש עס איז ניט אויס־געשלאָסן, אַז געוויסע גרופּן זאָלן קומען פון אַנדערע לענדער (די אַרגענטינער דעלעגאַטן, וואָס זיינען דאָ געווען אין יוני, האָבן געמאַכט אַ פאָרשלאַג אַרי־בערצושיקן אַהער אַ גרופּע דאָרטיגע אידישע קאָלאָניסטן און שאַפן פון זיי אַ באַזונדערן קאָלווירט).

די אידישע אויטאָנאָמע געגנט דאַרף האָבן עלעמענטן, וואָס זיינען גרייט צו פאַרקאַטשען די אַרבל און העלפן בויען. פאַר אַזעלכע זיינען דאָ פאַראַן גרויסע מעגלעכקייטן. עדות זיינען די וואָס האָבן זיך שוין „אַרויפ־געאַרבעט“.

און דאָ דערמאָן איך זיך אָן אַן אַנדער באַגעגעניש מיט אַן „אויסלענדער“ (דער טערמין איז, פאַרשטייט זיך, אַ פאַלשער: יעדער וואָס קומט אַהער

ווערט א „היגער“, מיט די זעלביגע רעכט וואָס אַלע אַרבעטנדיגע).

דאָס איז געווען אין דעם קאָלווירט (קאָלעקטיווע פאָרם) „רויטער שטערן“, ביים אמור. א בריגאַדע אַרבעטער פון דעם שוסטער־שניידער אַרטעל „אייגענע מי“ אין ביראָקאַן איז געקומען העלפן די קאָלווירטניקעס אראָפּנעמען די גערעטעניש. איינער פון די אַרבעטער איז געווען א שוס־טער פון ריגע.

האָט ער מיר דערציילט באַקאַנטע זאַכן וועגן „יענער צייט“ זיינער אין ריגע: 1) אַרבעטלאָזיגקייט, 2) אַרבעט מען שוין יע — קריגט מען קיין געלט ניט, 3) קיין דירה־געלט איז נישטאַ, 4) די קינדער קאָנען זיך צו קיין זאַך ניט נעמען, און אזוי ווייטער.

— ווי גייט אייך איצט?

— איצט איז גוט! — האָט ער אַן ענטפער געגעבן מיט א טאָן, וואָס האָט געזאָגט: אַנדערש קאָן עס גאָרניט זיין.

אַט באַרעכנט אַליין. וועגן אַרבעט איז קיין דאגה ניט. פאַרדינען פאַרדינט ער זייער גוט. חוץ דעם האָט ער א ווירטשאַפט — א הויז, א גאָרטן, א קו, עופות. געלט איז פאַראַן. א זון אַרבעט אין מאַרמאָר־אַרטעל און לערנט אין אָוונט. אַן אַנדער זון לערנט אין ביראָ־בידזשאַנער באַרג־מעטאַלורגישן טעכניקום. און ער אַליין, נאָענט צו פופציג, טראַכט וועגן אָנהויבן לערנען . . .

און פאַראַיאָרן איז דער דאָזיגער ריגער שוסטער געפאָרן מיט׳ן וויב קיין קיסלאָוואָדסק, אין קאַווקאַז, פאַרריכטן זיך דאָס געזונט אין איינעם פון די בעסטע קוראָרטן אין דער וועלט . . .

ער טראַכט וועגן א שענערע הויז, וועגן מער קולטור, וועגן אַרויסרוקן זיך אויף אָנפירנדיגער אַרבעט. ער האָט גאָר אַנדערע אַמביציעס אין לעבן, — ניט יענע ריגער „אַמביציעס“ פון אָנפילן דעם מאָגן ווען עס איז צו דער זאַט, פון צאָלן דירה־געלט

— איצט איז גוט! — האָט ער קורץ און שאַרף פאַרענדיגט. און עס איז אוממעגלעך געווען ניט מסכים צו זיין מיט אים.

אידישע אויטאָנאָמע געגנט,
סוף סעפּטעמבער, 1936.

# אויף די פעלדער פון „איקאָר"

## 1. וואָלאָטשאַיעווקע — אַ לעבעדיגע לעגענדע

די באַן פירט דאָס מאָל פון דער שטאָט בירא־בידזשאַן ווייטער אויף מזרח, אין דער ריכטונג פון כאַבאַראָווסק, אין סמידאָוויטשער ראַיאָן (די אידישע אויטאָנאָמע געגנט האָט פינף ראַיאָנען: בירא־בידזשאַנער, בירער, סטאַלינסקער, בליוכעראָווער, סמידאָוויטשער).

דורך גרויסע שטרעקעס ניט־באַזעצט און ניט־באַאַרבעט פלאַכלאַנד גייט די באַן. פונ'ם באַן־פענצטער זעט איר גרויסע זומפּיגע שטח'ן, וואָס וועלן דאַרפן אויסגעטריקנט ווערן. דאָ זיינען אָבער אויך פאַראַן שטיקער לײדיג לאַנד, וואָס זיינען שוין גרייט צום אויפהויבן און באַאַרבעטן.

נאָך צוויי שעה פאָרן פון בירא־בידזשאַן קומט מען צו דער סטאַנציע



ש אַ י ע  ק אָ ו ו אַ ל, וואָס איז צוזאַמען מיט זיינע עלטערן און ברידער געקומען פון סיו סיטי, אייאָוואַ (פאַראייניקטע שטאַטן), איינער פון די בעסטע טראַקטאָריסטן אין קאָלווירט „איקאָר".

אין. דאָ געפינט זיך די שטאָט סמידאָוויטש (דערווייל נאָך אַ שטעטל), דער צענטער פונ'ם ראַיאָן. דאָ געפינט זיך אַ היפּשער אייזנבאַן־דעפּאָ, מיט די ערשטע עטלעכע צענדליג אידישע באַן־אַרבעטער.

נאָך אַ שעה פאָרן מיט דער באַן און מיר קומען צו דער סטאַנציע וואָלאָטשאַיעווקע. דאָ גייען מיר אַראָפּ. פון דאַנען פאָרט מען מיט דעם אויטאָמאָביל, אָדער מיט אַ פור, צו די „איקאַרס" (קאָלווירט „איקאַר" און סאָציאַליסטיש שטעטל „איקאַר"). אָבער צוליב וואָלאָטשאַיעווקע אַליין לוינט זיך אָפּשטיינען.

דאָס איז די זעלביגע וואָלאָטשאַיעווקע, וואָס פיגורירט אין דעם באַרימטן און אויסערגעוויינלעך באַליבטן „פּאַרטיזאַנען־ליד" (באַליבט אויך אין אויסלאַנד: אין פּאַריז האָב איך דאָס ליד געהערט זינגען אויף אַ סאָציאַליסטישן מיטינג, אויף פראַנצויזיש, פאַרשטייט זיך):

. . און ס'וועט פאַרבלייבן ווי אין אַ מעשה'לע,
ווי אַ ווינקנדיג פייערל אין וועג,
די שלאַכטיגע נעכט ביי ספּאַסק,
די וואָלאָטשאַיעווקער טעג.

און ס'איז אַ כבוד פאַר דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט, וואָס זי פאַרמאָגט ביי זיך וואָלאָטשאַיעווקע, אין, און די אַנדערע פּונקטן, וואו די פּאַרטיזאַנען און די רויטע אַרמיי האָבן אַזוי העלדיש געקעמפט.

וואָלאָטשאַיעווקע איז אַ לעבעדיגע לעגענדע. עטלעכע טריט פון'ם וואָקזאַל געפינט זיך די היסטאָריש־געוואָרענע סאָפּקע (באַרג), מיט'ן מאָנומענט פאַר די געפאַלענע העלדן.

וואונדער ווערן דערציילט וועגן דער שלאַכט ביי דער סאָפּקע — וועלכע איז געווען פון זייער גרויסער סטראַטעגישער באַדייטונג. דאָ איז באַשלאָסן געוואָרן דער גורל פון כאַבאַראָווסק. און די העלדישקייט, וואָס די קעמפער פאַר דער ראַטן־מאַכט האָבן אַרויסגעוויזן אין דער שלאַכט, האָט אַזוי דערמוטיגט די רויטע באַטאַליאָנען און אַזוי דערשטוינט און צעמישט די ווייסע און די יאַפּאַנער, אַז דער איינפלוס פון דעם וואָלאָטשאַיעווקער זיג האָט זיך געפילט אין די שלאַכטן איבער'ן גאַנצן ווייטן מזרח, האָט געהאָלפן אָפּרייניגן דאָס לאַנד פון די ווייסע באַנדיטן און אויסלענדישע חיילות.

די ווייסע האָבן זיך אין וואָלאָטשאַיעווקע געהאַט שטאַרק באַפעסטיגט — אַרומגערינגלט דעם דאָרף מיט שטעכיג דראָט, אויסגעשטעלט אויף דער סאָפּקע פיל מאַשין־ביקסן. די רויטע זיינען געווען שוואַך באַוואָפנט, ניט געהאַט קיין שערן אויף איבערשניידן דעם דראָט. האָט מען אים געהאַקט מיט שווערדן, געריסן מיט די הוילע הענט, מיט די אייגענע קערפּערס — אין ביטערן פראָסט, אונטער אַ האָגל פון קוילן. מען האָט דעם דראָט דורכגעריסן, מען האָט געשטורעמט די סאָפּקע איינמאָל און נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל, געטראָטן אויף קערפּערס פון געפאַלענע חברים, געשיצט זיך הינטער

די קערפּערס, ביז די ערשטע גרופּע העלדן איז אַרויף אויבן און אָנגעהויבן אַ באַיאָנעטן־קאַמף מיט'ן דערשטוינטן און צעמישטן שונא.

פיל קאָמוניסטן זיינען געפאַלן אין דעם קאַמף (די קאָמאַנדירן זיינען באַשטאַנען אויף 75 פּראָצענט פון קאָמוניסטן, אויך צווישן די רויט־אַרמייער האָבן קאָמוניסטן אויסגעמאַכט זייער אַ גרויסן פּראָצענט). דאָ האָבן זיך אויך העלדיש געשלאָגן די קאָרייער. איין קאָרייאַישער טייל, וואָס איז געווען אָנגעטאָן אין ווייסע קיטלען (כדי מען זאָל זיי צוליב דעם שניי שוואַך באַמערקן) איז אַוועק פּאָראויס דורכרייסן דעם דראָט און איז כמעט אינגאַנצן אומגעקומען.

די רויטע חיילות האָבן אָבער די פעסטונג בייגעקומען — מיט דער גרעסטער העלדישקייט און מסירת נפש.

. . . און ס'וועט פאַרבלייבן ווי אין אַ מעשה'לע,
ווי אַ וויקנדיג פּייערל אין וועג . . .

לייכט העל די וואָלאָטשאַיעווקער סאָפּקע, מיט איר ווייסן דענקמאָל פון אויבן, וואָס פון ווייטן קוקט ער אויס ווי אַ שטיק פון אַן אַלטן גאָטישן שלאָס. קומט איר צו נעענטער — זעט איר: סאַמע אויבן שטייט אַ רויט־אַרמייער, מיט דער ביקס הויך אויפגעהויבן איבער'ן קאָפּ.

אַזוי זיינען די העלדן געשפּרונגען אַרויף און אַרויף . . .

דער שפּיז פון דער ביקס איז געווענדט אַהין, אין דער ריכטונג וואו עס בושעווען — אין מאַנדזשוריע — די יאַפּאַנישע גענעראַלן־באַנדיטן . . .

## 2. אַ גוטער גרוס פון „איקאָר“

אין וואָלאָטשאַיעווקע האָב איך געטראָפן אַ יונגן ענטוזיאַסטישן אַגראָנאָם, וואָס איז פון סווענציאַן (לעבן ווילנע) געקומען — נאָך אַפּוואָגלען אין אַ שטיקל צייט אין פראַנקרייך — אין דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט. ער האָט מיר דערציילט גוטע נייעס פון קאָלווירט „איקאָר“.

אַז אין קאָלווירט „איקאָר“ איז די אַרבעט אַוועק באַרג אַרויף, האָב איך שוין פריער געוואוסט. דער קאָלווירט האָט געהאַט די זכיה דערמאָנט צו ווערן אין דער היסטאָרישער באַשטימונג פון ציק (צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט פון די סאָוועטן), וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דעם 29טן אויגוסט, צווישן די פאָרגעשריטענע קאָלווירטן פון דער געגנט. אָבער דאָ האָב איך געקראָגן איינצלהייטן פון די דערפאָלגן פון „איקאָר“.

מיט דער גרויסער הילף פון דער רעגירונג האָט זיך דער קאָלווירט נאָך

פאַראַיאָרן געשטעלט אויף די פיס. די דורכשניטלעכע פאַמיליע פון א קאָלווירטניק האָט געקראָגן אויף איר חלק העכער 2,000 פונט ווייץ, 7,000 פונט קאַרטאָפל, אַנדערע פּראָדוקטן און צוויי טויזנט רובל געלט. פון דער אייגענער ווירטשאַפט (גאָרטן, קו, עופות, חזירים) האָט מען אַרויסגעקראָגן גענוג גרינוואַרג, מילכיגס, פליישׁ און אַנדערע פּראָדוקטן פאַר זיך. אזוי אַז פון דעם, וואָס מען האָט געקראָגן פון קאָלווירט, האָט מען א סך פאַרקויפט און ווידער אַריינגענומען געלט. היינטיגן יאָר האָט מען פאַרזייט מער ווי פאַראַיאָרן און מען האָט אויך בעסער געאַרבעט. צוליב די רעגנס (עס איז היינטיגן יאָר געווען אויסערגעוויינלעך רעגנדיג) וועט מען אָראָפּנעמען ווייניגער ווי פאַראַיאָרן. דאָס האָט געשאַפן שוועריגקייטן און זאָרג, אויף וועלכע מען האָט זיך שוין היינטיגן יאָר ניט געריכט. אָבער דער קאָלווירט איז שוין אַזוי פעסט, אַז דאָס קאָן אים ניט רירן. ער גייט פאָראויס מיט נייע גרויסע פּלענער.

א נייער לאַסט־אויטאָמאָביל פון דער מאַשין־טראַקטאָר סטאַנציע (וואָס געפינט זיך טאַקע אין קאָלווירט „איקאָר“) האָט אונז געטראָגן שנעל פאָראויס. דער וועג איז געווען צום פאַרטראָגן — „גאָלד“ אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס אמאָל איז געווען. דער אַגראָנאָם האָט גערעדט וועגן אַמאָליגע שווערע צייטן, וועגן דעם מיליאָן רובל חובות, וואָס די רעגירונג האָט אָפּגעווישט פון די ביכער (דאָס געלט איז שולדיג געווען דער קאָלווירט צוזאַמען מיט'ן סאָצשטעטל) און וועגן די ווייטערדיגע פאָרמען הילף, וואָס די רעגירונג גיט. אָט האָט מען געשאַפן א מאַשין־טראַקטאָר סטאַנציע!

— וואָס ווייסט איר, וואָס ווייסט איר וואָס די רעגירונג טוט! — האָט דער אַגראָנאָם מיט גרויס ענטוזיאַזם אונטערגעשטראָכן, און אויסגעפירט:
— אַז מען האָט אַזאַ רעגירונג קאָן מען ניט פאַלן!

דער אויטאָמאָביל איז אַריינגעפאָרן אין דער נייער גאַס פון'ם קאָלווירט. פון איין זייט זיינען געשטאַנען די צען נייע הייזער, וואָס מען האָט פאַראַיאָרן אויסגעבויט — א באַזונדער הויז פאַר יעדער פאַמיליע, מיט א גאָרטן און א שטאַל הינטער יעדער הויז. מען פּלאַנעוועט אויסבויען 50 נייע הייזער. אַזוי אַז די וואָס זיינען נאָך פאַרבליבן וואוינען אין די באַראַקן־הייזער (פון די צייטן ווען „איקאָר“ איז געווען א קאָמונע, צוזאַמען מיט'ן סאָצשטעטל „איקאָר“) וועלן אַריבער אין באַזונדערע הייזער — יעדע הויז מיט א גאָרטן, מיט א גאַנצער באַלעבאַטישקייט פאַר יעדער פאַמיליע (ביי געוויסע קאָלווירטניקעס איז אָבער די באַלעבאַטישקייט געווען אָפּגעלאָזן).

מיר זיינען אוועק איבער דער באַלעבאַטישקייט פון'ם קאָלווירט. ביים שייער האָבן מיר געטראָפן ביי דער אַרבעט דעם חבר י. ע ד ל י ן (פון

שיקאַגאָ־מילוואָקי), וועלכער איז דער קאַסיר פונ׳ם קאָלווירט. מיט אים צוזאַמען האָבן מיר געמאַכט אַ שפּאַציר איבער די פעלדער. דאָרטן האָבן מיר געטראָפן דעם פאָרזיצער פונ׳ם קאָלווירט, חבר יוסף פורער (געקומען פון אַרגענטינע) און דעם צווייטן „אַמעריקאַנער" פונ׳ם קאָלווירט, חבר קאָוואַל (פון סיו סיטי). ער איז געווען פאַרנומען ביים שאָט־קעווען קרויט מיט דער הילף פון אַ מאָטאָריזירטער מאַשינקע. פון די צוויי העקטאַר קרויט, וואָס דער קאָלווירט האָט פאַרזייט, האָט מען אַראָפּגענומען אַ גערעטעניש פון גאַנצע זעכציג טאָן! (דאָס איז חוץ די קרויט, וואָס יעדער האָט אַראָפּגענומען פאַר זיך, פונ׳ם אייגענעם גאָרטן). ווייטער אויף די פעל־



אַ גרופּע קינדערלעך ביים הויז, וואו עס געפינט זיך די „יאַסלעס" (נוירסערי), קאָלווירט „איקאָר".

דער האָבן מיר צווישן אַ גרופּע יונגע אַרבעטער געטראָפן קאָוואַל׳ס זון, שאַיע, וועלכער איז אַן אויסגעצייכנטער טראַקטאָריסט.

ניט געקוקט אויפ׳ן היינטיגן שלעכטן, רעגנדיגן סוף־זומער, וואָס האָט געשעדיגט די גערעטעניש פון ווייץ און קאַרטאָפל, טרעט איצט דער קאָל־

ווירט צו זייער ערנסט צום בויען און אויסברייטערן זיך. חוץ די פּופּציג הייזער נעמט מען זיך צום אויסבויען אַן אייגענע מיל, וועלכע וועט דינען אויך די שכנ׳ישע קאָלווירטן און וועט זיין אַ קוואַל פון הכנסה פאַר די איקאַריסטן. מען נעמט זיך פאַרבעסערן די שטאַלן פאַר די פערד, בהמות און חזירים (דער קאָלווירט האָט איצט 30 פערד, 90 קי, 200 חזירים — דאָס איז אַלץ חוץ דעם וואָס יעדע פאַמיליע פאַרמאָגט אין איר אייגענער ווירט־שאַפט). מען ברייט אויס דעם שטח פעלדער צום פאַרזייען. גאַנצע שטי־קער וואַלד האָט מען שוין אויסגעריסן מיט די וואָרצלען און טיילן פון דעם באָדן האָט מען שוין אויפגעאַקערט.

דער קאָלווירט האָט זיך געגרייט צו אַ גרויסן יום־טוב — צו באַקומען דעם אַקט אויף אייביקן באַזיץ אויף אַ שטח ערד פון גאַנצע 3,600 העקטאַר לאַנד! צוויי טויזנט העקטאַר דערפון איז שוין גוט צום באַאַרבעטן!

מיט אַזאַ ריזיגן פאַרמעגן קאָן מען פאַנאַנדערפירן די הענט. אָבער דאָ שטעלט זיך די פראַגע — מ ע נ ט ש ן! אפילו פאַר דעם באַשיידענעם פּלאַן צו פאַרטאָפּלען דעם פאַרזייִ־שטח, פון 200 העקטאַר היינטיגן יאָר אויף 400 קומענדיגן יאָר, דאַרף מען נאָך מענטשן. די 28 פאַמיליעס, וואָס דער קאָלווירט פאַרמאָגט, זיינען ניט גענוג. מען קאָן זיך קוים ספּראַווען איצט!

עס פאָדערן זיך מענטשן. עס פאָדערן זיך בכלל גרעסערע קאָלווירטן, כדי זיי זאָלן קאָנען האָבן בעסערע קולטורעלע מעגלעכקייטן. דער קאָלווירט האָט אַ 4־יאָריגע שול (אַ אידישע, פאַרשטייט זיך), אַ ציכטיגע און גוטע הויז פאַר די פּיצלעך קינדער (יאַסלעס, נוירסערי). אָבער קיין קלוב איז ניטאָ נאָך. אַ פילם האָט מען דעם אָוונט, וואָס איך בין געווען, געוויזן אין רויטן ווינקל. און די עלטערע קינדער מוזן גיין אין דער שול פון סאָוצ־שטעטל לערנען אין פינפטן און זעקסטן קלאַס.

מיט די איצטיגע פּלענער צו פאַרשטאַרקן די אידישע לאַנדווירטשאַפט אין דער גאַנצער געגנט, וועט דער קאָלווירט „איקאַר" קריגן נאָך מענטשן. בפרט ווען יעדער איינער, וואָס קומט אַהער אַריין און וויל אַרבעטן אָרנטלעך, קומט אויף אַ זאַטן לעבן!

פאַרשטייט זיך, אַז ריידנדיג מיט די עלטערע קאָלווירטניקעס, באַ־זונדערס מיט די דערמאָנטע „אויסלענדער" (אויך מיט חבר כ אַ נ י פ ט, וואָס איז געקומען פון דייטשלאַנד) איז באַריִרט געוואָרן יענע צייט, ווען דאָ און אין דעם סאָװעטשעטל „איקאַר" זיינען געווען מער „אַמעריקאַנער" און וועןביידע פונקטן זיינען געווען פאַראייניגט אין איין קאָמונע.

וועגן דער אַמעריקאַנישער איבערוואַנדערונג אַהער וועט אויסקומען צו ריידן באַזונדער, ווען מיר וועלן ריידן וועגן סאָװעטשטעטל, אין וועלכן אונזער

אמעריקאנישער „איקאר" האט אריינגעלייגט א סך כחות. אבער וועגן דעם ענין קאמונע דארף שוין געדערט ווערן, ווייל יענע מורא׳דיגע „לינקע", וואס ווילן ניט אנדערש, אז אין סאוועטן־פארבאנד זאל שוין פארווירק־לעכט ווערן ניט דער סאציאליסטישער נאר דער קאמוניסטישער לאזונג: „יעדערן לויט זיינע באדערפעניש — פון יעדערן לויט זיינע מעגלעכקייטן". וואלטן געקאנט עטוואס לערנען פון די דערפארונגען פונ׳ם קאלווירט „איקאר".

אונזער „אמעריקאנעץ", חבר עדלין, האט געלערנט. צום אנהויב האט ער ניט אנדערש געהאלטן, אז עס מוז זיין א קאמונע. וואס הייסט — קא־מוניזם! יעדער קריגט וואס ער דארף און ער ארבעט וויפיל ער קאן!

— וואס ווייטער האב איך דערזען אלץ קלארער, אז אויף קאמוניזם דארף מען אויך האבן קאמוניסטישע מענטשן, — האט חבר עדלין דער־קלערט, — אבער מיט מענטשן, וואס האבן נאך קאפיטאליסטישע געוואוינ־הייטן קאן מען קיין קאמונעס ניט בויען. ווען עס איז געקומען צום נעמען האט מען די פראגראם אויסגעפירט, אבער ווען עס איז געקומען צום געבן, צום ארבעטן, איז שוין געווען עפעס אנדערש. איז טאקע אלץ געגאנגען צו גרונט. און ווען איך זע ווי דער קאלווירט וואקסט איצט און עס וואקסט דער וואוילשטאנד פון יעדן איינעם, באגרייף איך איצט, וואס פאר א קלוגע פאליטיק עס איז געווען דאס איינפירן באלוינונג לויט דער צאל אפגע־ארבעטע טעג.

פארשטייט זיך, אז עס האנדלט זיך ניט נאר וועגן געוואוינהייטן, וועגן וועלן ארבעטן. עס האנדלט זיך אויך וועגן דעם, וואס אויף א קאמוניסטי־שער פארם פון אויסטיילן די באדערפענישן צום לעבן דארף מען האבן א זייער הויכע טעכניק, א זייער הויכע פראדוקטיוויטעט פון ארבעט, א זייער הויכן קולטורעלן ניווא. דעמאלט וועלן אזעלכע זאכן, ווי ברויט און פלייש שפילן א קנאפע ראל. דעמאלט וועט אויך די ארבעט זיין לייכטער און אנגענעמער. אבער ווי די זאך זאל ניט זיין — די קאמונע „איקאר" האט געקראנקען איר לעקציע, ווי טויזנטער אנדערע קאמונעס אין לאנד, און זי האט פאר דער לעקציע טייער באצאלט.

די רעגירונג האט אפגעווישט אלע חובות פון דער קאמונע־צייט און עס איז אוועק א נייע לעבן אין דעם ק א ל ו ו י ר ט „איקאר", לויט׳ן כלל: ווער עס א ר ב ע ט, דער עסט . . .

און דער וואס ארבעט לעבט שוין א זאט לעבן (כאטש פון א באקוועם לעבן איז נאך ווייט, ווען מען האט נאך ניט קיין נייע הויז פאר זיך).

ביים געזעגענען זיך מיט׳ן קאלווירט האב איך זיך אפגעשטעלט ביים הויז פון חבר קאוואל. דא וואוינט ער, דא וואוינט דער זון — דער טראק־

טאָריסט מיט זיין יונגער פרוי און זייער ניי־געבוירן קינד.

— נחת פון קינדער? — פרעג איך ביי די עלטערע קאָוואַלס.

— מיר האָבן נאָך נחת, — ענטפערט מיר חבר'טע קאָוואַל. נאָך צוויי זין אונזערע לערנען אין מענדעליעיעוו אינסטיטוט, אין מאָסקווע. בעמיקער וועלן זיי זיין.

אין דעם מאָמענט האָב איך אַ טראַכט געטאָן וועגן דער וויַיטער שטאָט סיו־סיטי, אין אַמעריקע. אַ קרעמער, וואָס האַלט זיך נאָך א י ב ע ר ' ן וואַסער און וואָס האָט געוויס ביי זיך אין הויז בעסערע מעבל ווי חבר קאָוואַל קאָן קריגן ד ע ר ו ו י י ל ע — קאָן אָסור וויסן דעם טעם פון אַבסאָלוטער זאָרגלאָזיגקייט פאַר'ן מאָרגנדיגן טאָג און אַבסאָלוטער זאָרגלאָזיגקייט וועגן אַ „תכלית“ פאַר די קינדער. דעם טעם דערפון ווייסט אַן אָרנטלעכער האַרעפּאַשניק אין אַ סאָוועטישן קאָלווירט — און חבר קאָוואַל איז אַ האָרעפּאַשניק פון דעם טיף.

דערפאַר איז ער דאָ. דערפאַר ווערט ער געאַכט פון אַלעמען. דערפאַר איז ער אַ מיטגליד פון דעם פּלענום פון די סאָוועטן פון סמידאָוויטשער ראַיאָן.

אידישע אויטאָנאָמע געגנט,
סוף סעפּטעמבער, 1936.

# אַמעריקאַנער אין ביראָ־בידזשאַן

מיר'ן אָנהויבן פון'ם סאָצשטעטל „איקאָר", וואוהין עס איז הויפּטזעכלער געווען געווענדעט — אין 1932 — די איבערוואַנדערונג פון אַמעריקע אַהער.

אומגעפער אַ שעה־אָנדערהאַלבן גאַנג פון קאַלווירט „איקאָר" געפינט זיך די סאָפּקע (בערגל), וואו עס האָט געזאָלט אויסגעבויט ווערן דאָס סאָציאַליסטישע מוסטער־שטעטל „איקאָר". דער אָרט איז אַן אויסערגעוויינלעך שיינער. צופוסנס פון דער סאָפּקע שפּרייט זיך אויס אויף אַלע זייטן אַ וואונדערלעכע פּאַנאָראַמע. וואַלדיגע געגנט און פלאַכלאַנד. דער טייך טונגוסקע און דער אַמור, און די בלויע בערג אויף יענער זייט אַמור (ביידע זייטן פון דעם טייך אַמור זיינען דאָ שוין סאָוועטישע). די טונגוסקע פאַרמאָגט גרויסע אוצרות פיש און ברייננגט געהילץ און קאָן אָפּפירן פּראָדוקטן דורכ'ן אַמור קיין כאַבאַראָווסק (ביינאַכט זעט מען די פייערן פון כאַבאַראָווסק, כאָטש די שטאָט געפינט זיך אויף דרייסיג קילאָמעטער ווייט).

דער וועג פון קאַלווירט אַהער איז נאָך טיילווייז זומפּיג און דאָס פערדל האָט ניט געקאָנט שלעפּן. איז אויסגעקומען גיין צופוס אַ שטיק וועג (אין פאַרגלייך מיט אַמאָל איז שוין „גאָלד". האָט מען ווידער געזאָגט). פאַרן אַריינפאָרן אין שטעטל איז אונז אַנטקעגן געקומען דער לאַסט־אויטאָמאָביל פון דער דאָרטיגער מעבל־פאַבריק, וואָס האָט זיך געיאָגט איבער ניט קיין שלעכטן וועג צו דער סטאַנציע וואָלאָטשאַיעווקע.

די מעבל־פאַבריק איז דער איינציגער קוואַל פון הכנסה פאַר די אַן ערך 75 פאַמיליעס, וואָס וואוינען אויפ'ן בערגל, אין צוויי ווייסע צוויי־שטאָקיגע הייזער, וואָס זעען זיך אויף פיל קילאָמעטערס אַרום. אַ שטימונג האָב איך געטראָפן אַ גוטע. עס פילט זיך דאָ אויך, אַז מען גייט פאָראויס. די מעבל־פאַבריק „איקאָר", וועלכע האָט קיינמאָל דעם פּלאַן ניט אויסגעפילט, און וועלכע פלעגט אַרויסגעבן זייער טייערע (לויט'ן פּרייז) און זייער ניט קיין טייערע (לויט דער קוואַליטעט) מעבל, האָט זיך אַרויסגערוקט צווישן די ערשטע אונטערנעמונגען אין דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט. דער פּלאַן פאַר'ן גאַנצן יאָר איז אויסגעפילט געוואָרן צום אָנהויב סעפּטעמבער. דערפאַר ווייל די אַרבעט איז בעסער אַוועק (צום גרויסן טייל דערפאַר ווייל

מען האָט בעסער גענומען אויסנוצן די מאַשינען, וואָס דער אַמעריקאַנישער „איקאָר" האָט געשיקט) איז די פּראָדוקציע אויך געוואָרן ביליגער אין פּרייז. אָנשטאָט אַ פּלאַן פון אַ האַלבן מיליאָן רובל סחורה (דער פּלאַן פאַר היינטיגן יאָר) האָט זיך די פאַבריק אונטערגענומען צו פּראָדוצירן אין 1937 פאַר צוויי און אַ האַלב מיליאָן רובל סחורה.

די אַרבעטער פאַרדינען זייער גוט, דורכשניטלעך 650 רובל אַ חודש. זיי פאַרמאָגן אויך אייגענע ווירטשאַפטן (גאָרטנס, קי, עופות, חזירים), אַזוי אַז מען קאָן לעבן ברייט. פאַראַן אַזעלכע וואָס „קלייבן אַ קערבל". עס איז פאַראַן אַ קלוב, אַ זעקס־יאָריגע קינדער־שול, יאַסלעס (נוירסערי). אין פּונקט פון קולטור־אַרבעט האַלט עס נאָך דאָ אויך ניט איבעריג גוט. די אַרבעטער דאַרפן אינסטרומענטן פאַר אַן אָרקעסטער, אַ פּיאַנאָ פאַר'ן קלוב, אַ גוטן לייוונט אויף ווייזן פילמס. געקומענע פון קליינע שטעטלעך אין אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד האָבן זיך נאָך דאָ אויך ניט אויסגעלערנט די „קונץ" פון איינפלאַנצן בלומען, בוימלעך, אוועקשטעלן ביי זיך אַ וואַזאַנע. כאָטש דאָ בעט זיך עס פאַר זיך אַליין, שרייט ממש גוואַלט, ווייל די לאַנד־שאַפט איז אַ שיינע.

אָבער דאָס איז אַ ווייטערדיגער ענין, אויף וועלכן די אָרטיגע אָנפירונג וועט דאַרפן לייגן מער אַכט (און ניט נאָר דאָ אַליין). אָרום און אָרום האַלט עס אָבער מיט דער מעבל־פאַבריק „איקאָר" גאַנץ גוט. מען לעבט דאָ זאַט. עס גייט באַרג אַרויף.

געגרינדעט איז דאָ אָבער געוואָרן די פאַבריק, ווי אַ קערנדל פאַר אַ ברייט־פאַרצווייגטער ווירטשאַפט, פאַר אַ שטעטל, אַ קאָמונע־שטעטל. חוץ די צוויי גרויסע הייזער, וואו די 75 פאַמיליעס וואוינען צוזאַמען, האָט מען געדאַרפט אויסבויען נאָך פינף הייזער (באַוויזן צו מאַכן האָט מען בלויז די פונדאַמענטן) און אַן עלעקטרישע סטאַנציע (אויך דערפון איז געבליבן אַן אָנדענק דער פונדאַמענט) און נאָך און נאָך. פון דעם גאַנצן גרויסן פּלאַן איז גאָרניט געוואָרן.

איך דערמאָן דאָס — ניט אַזוי צוליב דעם, כדי מען זאָל זען לויט וואָס פאַר אַ פּלאַן עס איז געגאַנגען די „אַמעריקאַנישע איבערוואַנדערונג" אין 1932, נאָר אויך צוליב דעם, ווייל פון דעם גאַנצן ענין קאָן מען וואָס לערנען.

מיר דאַכט, אַז אין דעם פּלאַן פאַר אַ סאָצשטעטל — איין ישוב אַזאַ מיט אַ „באַזונדערער" ווירטשאַפט וואָס זאָל זיך איינגאַנצן אויסטיילן פון דער אַרומיגער ווירטשאַפט — איז געלעגן עטוואָס (צום ווינציגסטן עטוואָס) פון דעם אַמאָליגן אוטאָפּיזם פון די צייטן פון די „קאָמוניסטישע" קאָלאָניעס אין אַמעריקע. פאַרשטייט זיך — מיט אַ היפּשן אונטערשייד: אין

אַמעריקע אָדער אַנדערע לענדער איז די „קאָמוניסטישע“ קאָלאָניע צרומגערינגלט מיט קאַפּיטאַליזם, מיט אַ קאַפּיטאַליסטישן מאַרק, מיט אַ קאַפּיטאַליסטישן רויבערישן כאַפּ־לאַפּ, — בעת דאָס סאָצשטעטל איז געשאַפן געוואָרן אין אַ לאַנד פון אַרבעטער־מאַכט און האָט פון דער ראַזיגער מאַכט געקראָגן אַ סך הילף, הונדערטער טויזנטער רובל! אָבער דאָס סאָצשטעטל (און דער טיפּ קאָמונע בכלל) האָט פּרובירט אַריבערשפּרינגען געוויסע סטאַדיעס פון אַנטוויקלונג, האָט פּרובירט זיך אַליין אַרויסנעמען, אויכטיילן זיך, פון דער אַלגעמיינערווירטשאַפט־לאַגע. דערפאַר דער דורכפאַל.

מען קאָן ניט שאַפן קיין ווירטשאַפטלעכע „אינזלעך“. מען מוז גיין פאָראויס מיט'ן גאַנצן לאַנד צוזאַמען.

די מאַשינעריע, וואָס דער אַמעריקאַנישער „איקאָר“ האָט געשיקט פאַר'ן סאָצשטעטל איז, פאַרשטייט זיך, צונויף געקומען — אין'ם סאָצשטעטל, אָדער אין דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט בכלל; באַלד, אָדער ערשט די לעצטע צייט. אָבער ענערגיע איז אַריינגעלייגט געוואָרן אין סאָצשטעטל אַ סך אומזיסטע.

דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, ניט געקאָנט זיין קיין דערמוטיגונג פאַר די איבערוואַנדערער פון אַמעריקע און אַרגענטינע, וואָס זיינען געבראַכט געוואָרן אַהער אין 1932. דאָס וואָס די אַרבעט האָט זיך ניט געקלעפּט, דאָס וואָס מען האָט אויך אַן אוטאָפּיסטישן אופן געשאַפן „קאָמונעס“ (דאָס סאָצשטעטל, דער קאָלווירט „איקאָר“ און אַ אוקראַינישע קאָמונע — אַלע צוזאַמען אין איין „גרויסער קאָמונע“, מיט איין אופן פון קאָכן פיש אפילו...) — דאָס אַלץ האָט ניט געשאַפן קיין גוטע באַדינגונגען דערפאַר, אַז די אַמעריקאַנער און אַרגענטינער זאָלן זיך איינלעבן.

מיט דעם אַלעם וויל איך ניט פאַרענטפערן דעם פאַקט, וואָס די מייסטע אַמעריקאַנער זיינען געפאָרן צוריק. די גרעסטע ראָל האָט דאָ געשפּילט גאָר אַן אַנדער סיבה. געפאָרן זיינען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך ניט פאַרגעשטעלט וואָס עס הייסט פּיאָנערן־אַרבעט, באַהערשן אַ ניט־באַזעצט לאַנד. פיל פון זיי זיינען ניט געווען צוגעפּאַסט צו ווערלכער עס איז שווערער אַרבעט. אַ באַווייז זיינען די אַרגענטינער, וואָס כאָטש זיי זיינען ניט געבליבן אין סאָצשטעטל, זיינען זיי אָבער פאַרבליבן אין לאַנד, און פיל פון זיי — טאַקע אין דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט, וואו זיי צייכענען זיך אויס מיט גוטער אַרבעט. די אַרגענטינער האָבן פאָרגעשטעלט מיט זיך אַן עלעמענט אַ האָרעפּאַשנעם, אַ פאַרהאַרטעוועטן, אַזעלכן וואָס אַ ניי לאַנד מוז האָבן.

א מוסטער פון די אַרגענטינער איז דער בעסטער טוער פון סאָצשטעטל ב ל ע כ ע ר מ אַ ן (געבוירן און אויסגעהאָדעוועט אין בריסק). ווען אַלע זיינען זיך צעפאָרן פון סאָצשטעטל איז ער געבליבן אַליין און איז ניט אָפּ־געטראָטן. און פאָרנדיג צוריק צום באַן האָט ער מיר אָנדערציילט מיט א ליבן שמייכל גאַנצע בערג איבערגעקומענע שוועריגקייטן — דערציילט אין נחת.

א באַוויז זיינען אָבער אויך יענע אמעריקאַנער, וואָס זיינען פאַרבליבן אין דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט. פיל פון זיי פאַרנעמען אַן אָנגעזעענע אָרט.

איך האָב שוין דערמאָנט די חברים ק אָ ו ו א ל און ע ד ל י ן פון קאָלווירט „איקאָר“. אין דעם שיינעם ראיאָן צענטער ב י ר אַ געפינען זיך די חברים י. און ז ע ל ד ע ה ו ר ו ו י ט ש, וועלכע זיינען טעטיג אויפ׳ן שול־געביט (ניו־יאָרקער שול־טוער און „קינדערלאַנד“־טוער געדיינקען זיי געווים). אין דער שטאָט בירא־בידזשאַן האָב איך געטראָפן חבר א. ל א ו ע ר פון שיקאַגאָ. ער איז א טוער אין פינאַנץ־אָפּטייל פון דער געגנט. איינער פון די חשוב׳ע מענטשן פון דער געגנט איז חבר ר א ו ב ן ש ט י י ן, א געוועזענער שפּייז־אַרבעטער אין ניו־יאָרק. ער איז געקומען אהער, פאַרקאָטשעט די אַרבל, געטאָן שווארצע אַרבעט (פון א „ עיבאַרער“). זינט 1934 איז ער דער דירעקטאָר פון א ציגל־זאַוואָד ביי דער שטאָט בירא־בידזשאַן.

צווישן די סטודענטן פון באַרג־מעטאַלורגישן טעכניקום האָב איך געטראָפן א געוועזענעם ניו־יאָרקער אַרבעטער (סוארעז), וועלכער האָט זיך פּריער אויסגעצייכנט אַלס גוטער בויער פון דער געביידע פון טעכניקום. זיינער א חבר, אויך א מעבל־אַרבעטער פון ניו־יאָרק, איז א גוטער אַרבעטער אויף דער מעבל־פאַבריק „דימיטראָוו“, אין דער שטאָט בירא־בידזשאַן. אין בילדונג־אָפּטייל פון געגנט־לעבן אויספיר־קאָמיטעט האָב איך געטראָפן אַן אמעריקאַנער, ר אָ ז י ן. עס האָבן זיך איינגעבירגערט אין בירא־בידזשאַן די געקומענע פון אמעריקע: ק ו ר ץ, ר ו ב י ן, חבר׳טע א ד ל ע ר, צ ו ו י ק ל י ן, חבר׳טע ו ו י י נ ע ר און אַנדערע, וועמענס נעמען איך האָב פאַרפעלט צו פאַרצייכענען. פיל פון זיי, באַזונדערס דער חבר שטיין, ווערן געשעצט און געאַכט.

דער אויספיר, פאַרשטייט זיך, איז אַז דאָס איבערוואַנדערן פון אמעריקע קיין בירא־בידזשאַן האָט זיך ניט באַרעכטיגט — צוליב דעם עקספּערימענט מיט סאָצשטעטל, אָבער נאָך מער צוליב דער ניט־פאַרזיכטיגקייט ביים אָפּקלייבן די פאָרער, אויב עס איז בכלל געווען וועלכער עס איז אָפּ־

קליב. אין דעם פּלאַן אריבערצובריינגען אהער אידן פון אויסלאַנד, גייט אַמעריקע ניט אַריין. דאָס שליסט אפשר ניט אויס אַ געוויסן — כאָטש ניט צו־גרויסן — צוגעפּאַסטן עלעמענט, דער עיקר בוי־אַרבעטער. אָבער דאָס איז שוין אַן ענין, וואָס פאָדערט באַזונדערע, אָרגאַניזאַציאָנעלע, באַטראַכ־טונג און צוגרייטונג.

אידישע אויטאָנאָמע געגנט,
סוף סעפּטעמבער, 1936

# אַ זיי־געזונט ביראָ־בידזשאַן

דער קוריער־צוג „וולאַדיוואָסטאָק־ניעגאָרעלאָיע“ איז אָפּגעגאַנגען פון דער סטאַנציע בירא־בידזשאַן, אָפּגעגאַנגען אויף מערב.

פאָראויס איז געלעגן אכט טאָג רייזע קיין מאָסקווע — איבער מזרח־סיביר, באַיקאַל־געגנט, מערב־סיביר, אוראַל, צענטראַל־רוסלאַנד. אָבער דערווייל איז דער צוג געגאַנגען איבערן מערב־טייל פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט. און ווען ער האָט זיך שוין טאָג־און־נאַכט געטראָגן איבער די אומגעהויערע שטרעקעס, טויזנטער מייל ווייט פון בירא־בידזשאַן, זיינען נאָך די געראַנקען געווען דאָרטן, איז די שטימונג נאָך געווען א בירא־בידזשאַנישע.

עפּעס גאָר אייגנס און עפּעס זייער נאָענטס האָט זיך אָפּגעריסן יענעם פרימאָרגן, ווען דער צוג איז אָפּגעגאַנגען פון דער סטאַנציע בירא־בידזשאַן און פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט. ביז דער לעצטער סטאַנציע — אויף מערב — ביז אָבלוטשיע, איז געווען שווער אויפ'ן געמיט. עס איז כסדר געווען דאָס געפיל, אז נערוון־פעדים רייסן זיך אָפּ . . .

אָט־איז סטאַנציע ב י ר א, דער אויסערגעוויינלעך שיינער ישוב בירא . . . און אָט האָט זיך צווישן די בערג באַוויזן ל אָ נ ד אָ ק א און באַלד פאַרשוואונדן . . . כ'האָב געזען, אז דער קאַלך־זאַוואָד איז שוין באַלד פאַרענדיגט און אז די געביידע פאַר דער נייער עלעקטרישער סטאַנציע איז שוין פאַרטיג. און דערנאָך האָבן זיך באַוויזן די מאַרמאָר־בערג פון ב י ר א ק אַ ן . . . דאָ האָט מען זיך אָפּגעשטעלט . . . ק י מ ק אַ ן, דער קומעדיגער אייזן־צענטער, איז פאַרביינגעלאָפן. און — א לעצטער אָפּ־שטעל אין דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט: אָ ב ל ו ט ש י ע . . .

דער נייער וואָקזאַל איז שוין פאַרענדיגט. ער שטייט זייער הויך און זייער שיין. כ'האָב מורא, ער איז אפילו שענער פונ'ם בירא־בידזשאַנער וואָקזאַל . . .

געכאַפּט דאָ א שמועס מיט עטלעכע יאַטן, וואָס זיינען געקומען פון אוקראַינע ארבעטן אין באַן־דעפּאָ. זיי האָבן זיך געקלאָגט, אז זיי האָבן נאָך ניט קיין געהעריגע דירות און עס פעלן אידישע מיידלעך אויף אָרגאַ־ניזירן א דראַמקרייז . . .

און — אָפּגעפאָרן.

אייגנס און נאָענטס האָט זיך אָפּגעריסן, און נאָר דער געדאַנק, אַז דו פּאָרסט נאָך אַלץ, און אַ סך טעג און נעכט, אין דעם אייגענעם און נאָענטן סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט געטרייסט . . .

די צוויי חדשים אין דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט האָבן צוגעבונדן. עס האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרוועבן נערוון־פעדים. מען ווערט אַריינגעוואַקסן. מען ווערט אַריינגעצויגן אין דער אימפּעטיגער בויאונג פון דעם שיינעם לאַנד.

איך האָב אָנגעהויבן באַגרייפן די שטימונג פון די, וואָס פאָרן אָפּ און — קומען צוריק. די אידישע אויטאָנאָמע געגנט האָט אַ סך אַזעלכע, וואָס זיינען געקומען, אַ קוק געטאָן, אָפּגעפאָרן צוריק קיין אוקראַינע, ווייסרוס־לאַנד, און — געקומען צוריק. ווי דען אַנדערש?

איר דערפילט זיך היימיש אין בירא־בידזשאַן באַלד ווי איר פאָרט אַריין. איר טרעפט אַזוי פיל באַקאַנטע, כאָטש איר באַגעגנט זיי צום ערשטן מאָל. און כאָטש מען איז שטאַרק פאַרנומען און מען האָט אָפט קיין צייט ניט צו ריידן צו אייך, פילט איר ווי מען זאָגט אייך: גוט וואָס דו ביסט געקומען, מען דאַרף דיך האָבן, ברוך הבא.

און ערטער זיינען אָנגעגרייט, און ס׳איז דאָ וואָס צו טאָן, און עס טוט זיך. און ווען עס טוט זיך אַרום אייך אַזוי צוויי חדשים כסדר, קאָנט איר ניט בלייבן „נייטראַל“, וואָס פאַר אַ גאַסט איר זאָלט ניט זיין.

האָט ווי געטאָן דאָס אָפּפאָרן. שווער געווען די געזעגענונגג. און אין מוח האָבן זיך געמישט איבערגעלעבטע איינדרוקן.

אין די פינף־זעקס שעה, וואָס דער קוריער־צוג איז געגאַנגען פון דער שטאָט בירא־בידזשאַן ביז אָבלוטשיע, האָבן די בילדער, וואָס איך האָב געזען אין די צוויי חדשים, אויפגעלעבט און זיי האָבן זיך געיאָגט אינם מוח ווי אַ שנעל־לויפנדיגער פילם.

און דער פילם האָט זיך געיאָגט צו דער אונטערשטער שורה. וואָס־זשע איז בירא־בידזשאַן? וואָס־זשע ווערט זיין בירא־בידזשאַן?

איז עס אַ פילם מיט אַ „גליקלעכן סוף“? קאָן מען פּאַטשן בראַוואָ און פאָרן אַהיים אַ צופרידענער?

ווען איך האָב זיך געפרעגט די פראַגן, איז מיין געדאַנק צוריקגעגאַנגען צו דער סטאַנציע בירא־בידזשאַן, וואָס איך האָב מיט עטלעכע שעה פריער געהאַט פאַרלאָזט. דער פרימאָרגן איז דאָ אויפגעגאַנגען, ווי אַלעמאָל, אַ רוישיגער, אַ אימפּעטפולער. אין דעם אַלטן וואָקזאַל איז געווען ענג און טומלדיג און שמוציג. ער לעבט שוין איבער זיינע לעצטע טעג אַלס וואָקזאַל, און דאָס איז גוט. ביים נייעם וואָקזאַל האָט מען געמאַכט די „לעצטע

שטער". מען בויט אים צו־לאַנג, און דאָס טויג ניט. געוויסע מאַטעריאַלן פעלן אָפּט אויס און לאָזן ניט פאַרענדיגן אַ געביידע, וואָס איר דאַרפט זי האָבן ווי דאָס לעבן. בויט זיך מיט גרויסע שוועריגקייטן. אין מיטן, צווישן די צוויי וואָקזאַלן, האָט מען געלייגט אַלץ נייע ליניעס, — און זיי זיינען אויסגעוואָקסן גאָר היפּש, זינט יענעם זומערדיגן נאָכמיטאָג, ווען איך בין אין בירא־בידזשאַן אָנגעקומען. און פראַכט־צוגן קומען און גייען אָן אַן אויפהער. און נייע הייזער פאַר אידישע באַן־אַרבעטער זיינען שוין געשטאַנען פאַרטיגע.

ווען דער צוג האָט זיך אָפּגערוקט פון דער סטאַנציע איז ער געגאַנגען פאַרביי דעם אָרט, וואָס וועט אויסוואַקסן ווי אַ צענטער פון דער לייכטער אינדוסטריע ניט נאָר אין דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט, נאָר אין גאַנצן וויטן מזרח. דער וועגענער־זאַוואָד איז זיך ברייט צעוואָקסן מיט זיינע געביידעס, מיט זיין קאָלאָניע וואוינונגען, וועלכע זיינען באַפּוצט מיט בלומען־גערטלעך. אָבער די גרויסע קליידער־פאַבריק האָט שוין לאַנג געדאַרפט זיין פאַרענדיגט. און די וואוינונגען פאַר די אַרבעטער זיינען נאָך ניט געווען פאַרטיג. און עטלעכע נייע הייזער זיינען געווען אַרומגערינגלט מיט וואַסער. דערפאַר אָבער איז געוואָקסן מיט אימפּעט די אַרבעט אויף דער נייער עלעקטרישער סטאַנציע. און געהילץ און צעמענט און מאַשינען האָבן זיך געטראָגן פאַרביי די פענצטער פונם צוג אָן אַן אויפהער.

איז אפשר ליגט אין דעם בילד פון דער סטאַנציע בירא־בידזשאַן און אין דעם בילד אַרום דער סטאַנציע דער ענטפער אויף אונזערע פראַגן.

אונזער פילם איז ניט קיין טוריסטישער צויבער־טעפּיך און אויך ניט קיין נאַציאָנאַליסטיש־ראָמאַנטישער (טוכלער) פּוטער־קוכן. עס איז אמת, אַז דער הינטערגרונט פאַר אונזער פילם איז אַ צויבער־שיין לאַנד, אַ לעגענדאַריש־רייך לאַנד. אָבער וועגן דעם איז שוין ניטאָ מער וואָס צו אַמפּערן זיך. דאָס איז אַ זאַך אַ באַפעסטיגטע. פּירט אַריין אַהער אַ „נייטראַלן" מענטשן, אַ געגנער אפילו, און ער וועט מוזן ווערן באַגייסטערט, אויב ער איז אַ מענטש, ווען מען זאָל גייען אָן ערנסט (און עס זיינען שוין געווען אַ סך אַזעלכע פאַלן). אָבער מיר, און ספּעציעל די קאָמוניסטן, וועלכע שטייען בראש פון דער בויאונג פון בירא־בידזשאַן, לייגן אַוועק די כחות אויף די שווערסטע פּאָזיציעס, דאַרפן וואָס ווייניגער פרייען זיך סתם־אַזוי מיט די שיינקייטן און וואָס מער אין זינען האָבן — ב אַ ה ע ר ש ן דאָס לאַנד.

דאָס גייט ניט אַלץ כשורה. מען דאַרף עס וויסן. מען בויט אַ סך, אָבער ניט אַלעמאָל גוט. מען איז נאָך וויט ניט אַרויס פונם פּיאָנערן־צושטאַנד. דער מאַנגל אין גוטע, קוואַליפיצירטע אַרבעטער, אין די נויטיג־

סטע געצייג, איז אָפּט אַ האַרצרייסנדיגער. אין גאַנצן סאָוועטן־פאַרבאַנד איז נאָך דאָ אַזאַ מאַנגל אין קוואַליפיצירטע אַרבעטער, אין אַרבעטער בכלל, און אין דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט, אויפן ווייטן מזרח, קאַרגע ניין טויזנט קילאָמעטער ווייט פון מאָסקווע, איז ער נאָך שאַרפער. אַ גאַנץ לאַנד, אַ גאַנצע וועלט, בויט זיך מיטאַמאָל, און פון אַלע זייטן שרייט מען: גיב!

און עס איז ניט אַזוי איינפאַך אָפּצוזאָגן זיך: אויסלענדישע אַרבעטער. כדי זיי זאָלן ניט נאָר קומען, נאָר אויך פאַרבלייבן, מוז מען פאַר זיי פריער אָנגרייטן דירות און טעאַטערס און קלובן. עס קאָנען זיך געפינען העלדן צווישן זיי, וואָס קאָנען בויען אין וואַלד און אין פעלד — און זיי דאַרף מען האָבן — אָבער אויסרעכענען בלויז אויף אַזעלכע טאָר מען ניט.

בירא־בידזשאַן איז — נייַלאַנד, נייַלעבן. אין דער דאָזיגער נייקייט איז פאַראַן זאַפטיגקייט, ראָמאַנטיק, קראַפט. אין דער אייביגער טאַיגאַ, זיינען דאָ יוגנט־קוואַלן פאַרן אַלטן אידישן פאָלק. אָבער רוי־ערד נעמט זיך שווער, טאַיגאַ נעמט זיך שווער, קיינמאָל־ניט־באַזעצטע געגנטן נעמען זיך שווער.

אונזער פילם האָט צו דערציילן וועגן מענטשן, וואָס האָבן ניט באַנומען דעם טערפּקע־וויניגן טעם, צו שטאַרק געווען פאַר זיי.

ווען עס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן אַ לאַנד, וואו מען קומט האַנדלען, ספּעקולירן, לעבן פון פּראָצענט, וואָלט די פראַגע וועגן מענטשן־מאַטעריאַל ניט געשטאַנען אַזוי שאַרף. אָבער דאָ איז אַ לאַנד פון פּיאָנערן־אַרבעט, פון בויען שווער און אָרנטלעך.

איר וועט זען אין אונזער פילם, ווי מען מאַטערט זיך (ווי איר ווייסט שוין) מיט איינרייסער. וואָס ווייסן איינם: סאָוועטסקע וולאַסט, טראָג מיך! האָסט געגעבן אויף הוצאות אהער, האָסט דאָ געגעבן אַ הויז, אַ קו, ערד, טראַקטאָרס, קאָמבאַינען — טאָ גיב און גיב ווייטער. טראָג מיך! איר וועט זען אפילו אַזעלכן, וואָס כאָטש ער האָט געקראָגן די געלעגנהייט צו פאַרדינען זייער אַ סך, און צו קלייבן געלט, און צו שיקן דער ווייב אינם שטעטל אין אוקראַינע, האָט ער נאָך פונדעסטוועגן אויפגעקויפט זאַכן, וואָס זיינען דאָ ביליגער און אָפּגעשיקט צו דער ווייב אַ האַנדל צו טאָן (און זיין סוף איז געווען ניט קיין גוטער).

דער וועג צו דער אידישער סאָוועטן־רעפּובליק איז ניט דורכאויס בלומען און מוזיק. אָבער ערשט טאַקע דערפאַר, ווייל דער וועג איז שווער, ווייל רוי־ערד נעמט זיך ניט לייכט, ווייל מאַנגל אין מאַטעריאַל און אין

מענטשן־מאַטעריאַל איז גרויס, הויבט איר אָן אַלץ מער באַוואונדערן די אויפטואונגען, שפּילט זיך דער אָרקעסטער אַלץ העכער און העלער פאַנאַנדער ביים סוף פון אונזער פילם — באמת א גליקלעכער סוף.

איר ווייסט, איר האָט געזען, ווי עס בויט זיך. איר האָט דעם געפיל פון איינעם, וואָס דערציילט וועגן זיינע שוועריגקייטן אין נחת. און עס וועט אייך אפילו געשאַנקען ווערן, ווען עס וועט ביי אייך פייכט ווערן אין אויג פון פרייד . . .

איך בין געשטאַנען פאַרן באַרג־מעטאַלורגישן טעכניקום און געזען, ווי א מאַמע, וואָס איז נאָר־וואָס געהאַט אָנגעקומען פון אוקראַינע, האָט זיך אַרומגעכאַפּט מיט איר זון, וואָס האָט געלעבט און געלערנט אין טעכניקום. זי האָט געקוקט אויפן זון און געוויינט — ווי עס וויינען געוויינלעך נאַרישע אידישע מאַמעס (צייט אויפהערן אביסל!). ווען איך האָב זי געפרעגט: טאָ וואָס־זשע וויינט איר? האָט זי געענטפערט: אז מען דערלעבט אזא נחת, זאָל מען ניט וויינען?

איך בין געזעסן אין דער ליכטיגער שטוב פון איינעם, וואָס האָט דערציילט, ווי דער קאָפּ איז אים צוגעפראָרן געוואָרן צום בעטל. שלאָפנדיג ווינטער אין אביידל, אין די ערשטע יאָרן פון דער איבערוואַנדערונג אַהער. איך האָב אויסגעהערט וועגן שוועריגקייטן פונם סאָצשטעטל איקאָר — איצט א בליענדיגער ישוב — וועלכע האָבן פונקט אזוי גערירט דאָס האַרץ און דאָס אויג, סיי צוליב די איבערגעקומענע צרות און נאָך מער פון באַוואונדערונג פון דער העלדישקייט פון די בויער. און איך האָב אין דער וויסנשאַפטלעכער קאָמיסיע אין ביראָ־בידזשאַן געלייענט צווישן די געשיכטעס פון די ערשטע העלדן־פּיאָנערן די געשיכטע פון א פופציג־יאָריגער פרוי, וועלכע האָט דערציילט, ווי שווער עס איז איר אַלץ אָנגעקומען און ווי גוט עס איז איר אַצינד.

און די פרוי האָט אויסגעפירט איר העלדן־דערציילונג:

— איצט וויל איך צוהאַלטן דאָס לעבן, עס זאָל פון אונז ניט אַנטלויפן! ערשט איצט ווייסן מיר, אז מיר לעבן!

אונזער פילם פאַרמאָגט א סך העלדן, בויער, א ו ו א ו נ ד ע ר ל ע כ ן מענטשן־מאַטעריאַל, א נייעם אידן, ביראָ־בידזשאַנער פּאַטריאָטן, בויער פונם נייעם לעבן. איר טרעפט זיי אויף די ביראָ־בידזשאַנער פאַבריקן און אונטערנעמונגען. איר טרעפט זיי אין די קאָלווירטן אין אַלע טיילן פונם לאַנד.

אויב די שוועריגקייטן פון ביראָ־בידזשאַן זיינען צום טייל אַלגעמיין־סאָוועטישע, זיינען די נחת'ן אַלגעמיין־סאָוועטישע. ביראָ־בידזשאַן האָט

הינטער זיך די קראַפט פון דער גרויסער סאָוועטישער מלוכה, פון דער גרויסער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אַזוי ווילן די פעלקער פונם סאָוועטן־פאַרבאַנד: גלייכבאַרעכטיגונג פאַר אַ ל ע, און אויך פאַר אידן נאַציאָנאַלע מלוכה׳שקייט, אַ געזונטע נאַציאָנאַלע קולטור, אַ געזונט ווירטשאַפטלעך לעבן. דערפאַר זיינען אונזערע העלדן ניט קיין קעמפער נעגן אַנדערע האָרעפּאַשניקעס. דאָס אידישע לעבן, וואָס בויט זיך אין ביראָ־בידזשאַן, איז אַ סאָציאַליסטיש לעבן, אינטערנאַציאָנאַליסטיש־נאַציאָנאַל!

רייסט עס דעריבער מיט. ווערט עס אייך אייגן און טייער פונם ערשטן מאָמענט. איז שווער זיך דערמיט צו שיידן. שווער.

איז — זיי געזונט, ביראָ־בידזשאַן!

טראָגט דער קוריער־צוג פאָראויס און פאָראויס אינם גרויסן סאָוועטישן לאַנד, אויף וועלכן ביראָ־בידזשאַן שפּאַרט זיך אָן. ו ו ע ט ב י ר אָ ־ ב י ד ז ש אַ ן ז י י ן ג ע ז ו נ ט!

אויפ׳ן באַן, צווישן סוועדלאָווסק און מאָסקווע,
אָנהויב אָקטאָבער, 1936.

# די אידישע אויטאָנאָמע געגנט

(פאַקטן און ציפערן)

## דער שטח, די גרעניצן, די באַפעלקערונג

די אידישע אויטאָנאָמע געגנט פאַרנעמט אַ שטח פון 36,490 קוואַדראַט־קילאָמעטער אינם געביט פון ווייטן מזרח, סאָוועטן־פאַרבאַנד. די געגנט הויבט זיך אָן — פון מערב — מיט די כינגאַנער בערג („קליינער כינגאַן") און דעם טייך כינגאַן, ציט זיך ביז דער שטאָט כאַבאַראָווסק, אויף מזרח. אויף דרום גרעניצט זיך די געגנט מיטן טייך אַמור, וועלכער נעמט אַרום אירע ברעגן אויף אַ שטח פון 646 קילאָמעטער. אויף צפון, העכער פון דער טראַנס־סיבירישער באַן־ליניע, וועלכע שניידט דורך די גאַנצע געגנט, זיינען די גרעניצן נאָך מער אומבאַשטימט, ווי די מערב'דיגע און מזרח'דיגע, ווייל עס הערשט דאָרט (אין צפון) די טייגאַ און דאָס לאַנד איז כמעט אינגאַנצן ניט באַזעצט (זע לאַנדקאַרטע צום אָנהויב פון בוך).

מיט אַ פּאָר יאָר צוריק איז אַ שטיק ערד אויף צפון פון סמידאָוויטשער ראַיאָן געוועזן פאַררעכנט אַלס טייל פון דער געגנט. דאָס האָט געזאָלט זיין דער קור־אורמי'שער ראַיאָן (דער טייך אורמי לויפט דאָרט דורך). די גאַנצע געגנט וואָלט געווען אומגעפער צוויי מאָל אַזוי גרויס, מיט אַ שטח פון אַרום 75 טויזנט קוואַדראַט־קילאָמעטער. צוליב דער שווערקייט פון באַהערשן די געגנט ווערט יענער צפון'דיגער שטח ערד איצט ניט גענומען אין אַכט. מעגלעך, אַז ער וועט אינגיכן ווערן אַ טייל פון דער געגנט. קלאָר איז, אַז דער איצטיגער שטח פון דער געגנט איז אַ דערווייליגער.

איצט איז די געגנט אומגעפער אַנדערהאַלבן מאָל אַזוי גרויס ווי בעלגיע און איז איינגעטיילט אין פינף ראַיאָנען:

| | קוו. קילאָמעטער |
|---|---|
| בירא־בידזשאַנער (צענטר־שטאָט — בירא־בידזשאַן) — | 4,488 |
| בליוכעראָווער (צענטר־שטאָט — בליוכעראָווע) — — | 5,604 |
| סטאַלינסקער (צענטער־שטאָט — סטאַלינסק) — — | 6,920 |
| בירער (צענטער־שטאָט — בירא) — — — — | 14,070 |
| סמידאָוויטשער (צענטער־שטאָט — סמידאָוויטש) — | 5,408 |
| צ ו ז א מ ע ן | 36,490 |

בירא־בידזשאַן איז די הויפּט־שטאָט פון דער גאַנצער געגנט און די צענטער־שטאָט פון בירא־בידזשאַנער ראַיאָן.

די באַפעלקערונג פון דער געגנט איז אין סוף פון 1936 געווען אומגעפער 65,000. אין 1935, ווען די באַפעלקערונג איז געווען 51 טויזנט, האָט דער גרעסטער ראַיאָן, בירער, געהאַט אַ באַפעלקערונג פון 18,836, סמידאָוויטשער — 12,567, בירא־בידזשאַנער — 9,533, סטאַלינסקער — 6,736, בליוכעראָווער — 3,335. (די אַלע ציפערן זיינען גענומען פון די מאַטעריאַלן פון אויספיר־קאָמיטעט פון די סאָוועטן אין דער שטאָט בירא־בידזשאַן). דער איבערגעוויכט פון דער באַפעלקערונג איז איצט פּראָפּאָרציאָנעל געווים אויף דער זייט פון בירא־בידזשאַנער ראַיאָן, צוליב דעם וואוקס פון די אונטערנעמונגען און אַנשטאַלטן אין דער הויפּט־שטאָט.

פון דער הויפּט־שטאָט (בירא־בידזשאַן) ביז ב י ר אַ, אויף מערב, איז אינגאַנצן 44 קילאָמעטער. ביז ס מ י ד אָ ו ו י ט ש, אויף מזרח — 72 קילאָמעטער. די אַלע צענטערן ליגן אויף דער באַן־ליניע. פון דער הויפּט־שטאָט ביז ב ל י ו כ ע ר אָ ו ו אָ איז 115 קילאָמעטער. דאָ גייט אַ גוטער אויטאָמאָביל־וועג. דער ערשטער וועג אין דער געגנט. ביז ס ט אַ ל י נ ס ק איז 200 קילאָמעטער פון דער הויפּט־שטאָט, און דער וועג אַהער איז צו בעסטן מיטן עראָפּלאַן. פאָרן פאָרט מען ביז בליוכעראָוואָ מיטן אויטאָמאָביל און פון דאָרט מיטן שיף ביז סטאַלינסק.

## דער קלימאַט, די נאַטור־אוצרות

די אידישע אויטאָנאָמע געגנט פאַרמאָגט אַ באַרגיגן טייל, וואָס איז געדיכט באַדעקט מיט אוראַלטן וואַלד (טאַיגאַ) און איז פול מיט אַלערליי נאַטור־אוצרות. דאָס איז דער מערב טייל, צווישן אַ ב ל ו ט ש י ע און דער הויפּט־שטאָט (בירא־בידזשאַן), און דער צפון־טייל, העכער פון דער באַן־ליניע. דער טייל פון דער געגנט וואָס ציט זיך פון דער הויפּט־שטאָט ווייטער אויף מזרח, ביז כאַבאַראָווסק, און פון דער הויפּט־שטאָט אויף דרום צום אַמור איז מייסטנס — פלאַכלאַנד.

אין דעם באַרגיגן טייל זיינען אויך פאַראַן באַדייטנדיגע ערד־רעסורסן פאַר לאַנדווירטשאַפט. דער גרעסטער טייל פון די ערד־פאָנדן פון דער געגנט געפינט זיך אָבער אין דעם פלאַכן טייל. ניט רעכענענדיג די גרויסע שטח'ן, וואָס פאָדערן שטאַרקע מעליאָריזאַציע (טריקענען זומפּן, א. אז. וו.) באַטרעפט דער ערד־פאָנד אַ מיליאָן מיט 400 טויזנט העקטאַר לאַנד (אַ העקטאַר איז אומגעפער צוויי און אַ האַלב אַקער).

די געגנט איז רייך מיט וואַסער־רעסורסן. דער גיגאַנטישער טייך אַ מ ו ר נעמט אַרום די געגנט אויף אַ שטח פון 646 קילאָמעטער, פון

פּאַשקאָוו ביז כאַבאַראָווסק. די געגנט פאַרמאָגט אַרום 200 טייכן און טייכלעך. די גרעסטע טייכן זיינען: ב י ר א (320 קילאָמעטער) און ב י ד ז ש א ן (180 קילאָמעטער). אויך די „טונגוסקע" איז אַ באַדייטנ־דיגער טייך. דער אַלגעמיינער שטח פון די וואַסער־אַרטעריעס איז איבער 3,600 קילאָמעטער. פון דעם קאָן 800 קילאָמעטער באַנוצט ווערן פאַר שיף־קאָמוניקאַציע און 1,300 קילאָמעטער פאַר טרייבן געהילץ. די געגנט פאַר־מאָגט אויך אַ ריי אָזעראָס (לעיקס). עס איז דאָ די אָזערע „טיאָפּלאָיע" („וואַרעמע"), וואָס ווערט ווינטער ניט באַדעקט מיט אייז, לעבעדינאָיע, ריבנאָיע און אַנד.

די טייכן ווערן באַדעקט מיט אייז אַרום 15—20טן נאָוועמבער. דאָס אייז הויבט זיך אָן רירן סוף אַפּריל.

די טייכן און אָזעראָס פאַרמאָגן אין זיך אַ סך פיש.

דער ק ל י מ א ט פון דער געגנט איז אַ געזונטער. דער ווינטער איז אַ טרוקענער, אַ זוניגער. דער זומער איז אַ וואַרימער און אין יולי און אויגוסט גייען אָפטע רעגנס. די וואַרעמקייט אין דעם וואַרעמסטן חודש, יולי, איז דורכשניטלעך 21 גראַד (לויט צעלסיום; לויט דער פאַרענהייט סיסטעם, וואָס ווערט באַנוצט אין אַמעריקע, 70 גראַד). דער פראָסט אינם קאַלטסטן חודש, יאַנואַר, איז דורכשניטלעך 24 גראַד (לויט פאַרענהייט — 11).

דורכשניטלעך פאַלט אויס אין יאָר 586 מילימעטער רעגן. עס מאַכן זיך יאָרן ווען רעגן פאַלט ווייניגער, אָבער אויך יאָרן ווען עס איז דאָ מער רעגן. צוליב דעם וואָס עס זיינען ביז איצט נאָך ניט געווען קיין באַוואָרע־נישן, אַז די טייכן זאָלן ניט אַרויס פון די ברעגן, זיינען אין די יאָרן פון אַ סך רעגנס (1932, למשל) פאָרגעקומען פאַרפלייצונגען. צוליב דעם וואָס דאָס לאַנד איז נאָך ניט באַהערשט בלייבט דער רעגן שטיין אויפן פלאַכ־לאַנד, דאָרט וואו ער איז נאָך ניט באַאַרבעט, און פאַראורזאַכט זומפּיגקייט.

די געגנט צייכנט זיך אויס מיט אַ רייכער פלאָרא (געוויקסן־וועלט). זי פאַרמאָגט אַ רעזערוו בוימער פון 12,550 קוואַדראַט קילאָמעטער. דאָ געפינט זיך דער צעדער־בוים, די יאָלקע (יעל) און פּיכטע, דער אַמורער און מאַנדזשורער לינדן־בוים, די ווייסע און געלע בעריאָזע און פיל אַנדערע.

די געגנט איז רייך מיט גראָזן, מיט מיטלען פון שפּייז פאַר פי, רייך מיט אַלערליי יאַגאָדעס, ווילדע טרויבן. אין פרוכט איז די געגנט נאָך אָרעם.

די געגנט פאַרמאָגט אַ סך מינעראַלע אוצרות: גאָלד, אייזן־אַרץ, קופּער־אַרץ, קוועקזילבער, צין־זילבער, קוילן, גראַפיט. זי פאַרמאָגט בוי־שטיינער, קאַלך־שטיינער, אַזבעסטאָס, מאַרמאָר און אַלערליי סאָרטן ליים און זאַמד פאַר בוי־צוועקן. זי פאַרמאָגט אויך עטלעכע סאָרטן עדעלשטיינער

און עס זיינען פאַראַן סמנים פון קוואַלן פון אַמעטיסט-קרישטאַלן. חוץ דעם קוראָרט  ק ו ל ד ו ר,  וואו עס שלאָגן פון דער ערד הייסע קוואַלן (זע באַשרייבונג וועגן קולדור), זיינען שוין אויך אַנטדעקט געוואָרן צוויי אַנדערע הייל-קוואַלן (ניט קיין הייסע), איינער לעבן בליוכעראָוואַ און איינער לעבן סאַיוזנאַיע.

דער באָדן פון דער געגנט גיט אַ גוטע גערעטעניש פון ווייץ, האָבער, רייז, סאָיע, קאַרטאָפל, בוריקעס, מערן און אַנדערע שפּייז-קולטורן.

# עטוואָס געשיכטע

דער ערשטער דעקרעט וועגן בירא-בידזשאַן איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון דער סאָוועטן-רעגירונג דעם 28-טן מערץ, 1928. ביז דעמאָלט איז שוין פון אַ לייגנערער צייט געטראַכט געוואָרן וועגן ברייטע פּלענער איינצואָרדענען אידן אויף אַ גרויסן דורכאויסיגן שטח ערד. מיט צוויי יאָר פאַר דעם, דעם 19-טן מאַי, 1926, האָט דער צענטראַלער אויספיר-קאָמיטעט פון אוקראַינע, וואו די איינאָרדענונג פון אידן אויף ערד איז הויפּטזעכלעך פאָרגעקומען, באַשלאָסן צו ווענדן זיך צו דער צענטראַלער רעגירונג אין מאָסקווע אויסצוטיילן אין די ראַיאָנען פון צפון-קאַווקאַז, צפון-קרים, סיביר און אַנדערע געגנטן אין לאַנד גרעסערע שטח'ן ערד פאַר אידישער קאָלאָניזאַציע. אוקראַינע האָט שוין צוליב ערד-מאַנגל ניט געקאָנט באַפרידיגן די באַדערפנישן פון די אידישע מאַסן צו באַזעצן זיך אויף ערד.

ביז דעמאָלט — און טיילווייז אויך זינט דעמאָלט — איז די קאָלאָניזאַציע הויפּטזעכלעך אָנגעגאַנגען אין צעוואָרפענע שטח'ן ערד, וועלכע האָבן זיך אין משך פון דער אַרבעט, דורך באַשטימונגען פון דער רעגירונג, אויסגעטיילט אין אידישע נאַציאָנאַלע ראַיאָנען: דריי אין אוקראַינע (קאַלינינדאָרף — אין אָדעסער געגנט, סטאַלינדאָרף און ניי-זלאַטאָפּאָל — אין דניעפּראָפּעטראָווסקער געגנט), און צוויי אין קרים (פרײדאָרף און לאַרינדאָרף). צוזאַמען מיט די אַרום פערציג טויזנט אידן אין קאַלווירטן אין ווייסרוסלאַנד זיינען אויף אַזאַ אופן באַזעצט געוואָרן אַרום 300 טויזנט אידן אויף ערד. אָבער דער מאַנגל אין אַ גרויסן שטח ערד פאַר דורכאויסיגער קאָלאָניזאַציע האָט זיך לאַנג געפילט.

נאָך אַ לייגנערער אויספאָרשונג פון אַ ספּעציעלער קאָמיסיע, וואָס איז געשיקט געוואָרן אינם ווייטן מזרח, יועלכער איז זייער שוואַך באַזעצט, איז די רעגירונג געקומען צום אויספיר, אַז די געגנט ביים אַמור, וואו עס לויפן די טייכן בירא און בידזשאַן, זאָל באַשטימט ווערן פאַר אידישער קאָלאָניזאַציע. שוין דעמאָלט איז אָבער גענומען געוואָרן אין אַכט ניט סתם

קאָלאָניזאַציע, אַלס אַ מיטל צו מאַכן פון געוועזענע לופט־מענטשן פּראָדוק־טיווע מענטשן, מיט אַן אָנהאַלט אין דער ווירטשאַפט פון לאַנד. עס איז גלייכצייטיג גענומען געוואָרן אין אַכט דאָס באַשאַפן אַ י ד י ש ע מ ל ו כ ה ׳ ש א פ ט. געווי ווענגן דער פאָרם — אַ אויטאָנאָמיע, אָדער אַ רעפּובליק — האָט מען דעמאָלט ניט געקאָנט ריידן, אָבער די באַשטימונג פון דער רעגירונג דעם 28־טן מערץ, 1928, האָט זיך פאַרענדיגט אַזוי:

„ביי גינסטיגע רעזולטאַטן פון דעם דורכאויסיגן באַזעצן מיט אַרבעטנדיגע אידן דעם ראַיאָן, וואָס איז אַנגעוויזן אין ערשטן פּונקט, — האָבן אינזינען די מעגלעכקייט צו אויסבילדן אויף דער טעריטאָריע פון דעם דאָזיגן ראַיאָן אַ אידישן נאַציאָנאַלן אַדמיניסטראַטיוו־טעריטאָ־ריעלן איינס“.

אָט וועגן אַזאַ „איינס“ (יוניט) איז שוין גערעדט געוואָרן אין דער באַשטימונג פון צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט פון די סאָוועטן דעם 30־טן סעפּטעמבער, 1931, לויט וועלכער ביראָ־בידזשאַנער ראַיאָן האָט אין סוף 1933 געדאַרפט באַשטימט ווערן ווי אַ אידישע אויטאָנאָמיע. דער אויספיר־קאָמיטעט האָט צוליב דעם צוועק אָנגענומען אַ ריי באַשטימונגען וואָס האָבן געדאַרפט הויבן די ווירטשאַפטלעכע אַנטוויקלונג פון ביראָ־בידזשאַן און די אַנטוויקלונג פון דער אידישער קולטור.

דעם 7־טן מאַי, 1934, האָט דער צענטראַלער אויספיר־קאָמיטעט פון די סאָוועטן, איבער דער אונטערשריפט פון מ. ק אַ ל י נ י ן, אַרויס־געגעבן די פאָלגנדיגע באַשטימונג:

„באַטראַכט דעם פאָרשלאַג פונם אַלרוסלענדישן צענטראַלן אויס־פיר־קאָמיטעט וועגן פאַרוואַנדלען דעם ביראָ־בידזשאַנער אידישן נאַ־ציאָנאַלן ראַיאָן אין אַ אידישער אויטאָנאָמער געגנט, באַשטימט דער צענטראַלער אויספיר־קאָמיטעט:

„דעם פאָרשלאַג אָננעמען, און פאַרוואַנדלען דעם ביראָ־בידזשאַ־נער אידישן נאַציאָנאַלן ראַיאָן אין אַ אידישער אויטאָנאָמער געגנט אינם באַשטאַנד פון ווייט־מזרח׳דיגן געביט“.

פון דעם מאָמענט האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַזונדערס־אינטענסיווע און פון דער רעגירונג געפּלאַנעוועטע באַהערשונג פון ביראָ־בידזשאַן — די אידישע אויטאָנאָמע געגנט. אַ סך איז אויפגעטאָן געוואָרן אין דער פאַר־העלטניסמעסיג־קורצער צייט זינט מאַי 1934. מיט העכער צוויי יאָר נאָכ־דעם, אין אויגוסט 1936, האָט דער צענטראַלער אויספיר־קאָמיטעט, דורך זיין פּרעזידיום, אויסגעהערט אַ ברייטן באַריכט וועגן דער אַרבעט אין דער געגנט, און דעם 29־טן אויגוסט (1936) האָט דער צענטראַלער אויספיר־קאָמיטעט אַרויסגעגעבן אַ באַשטימונג, וועלכע האָט דערקלערט: „די פאַר־

וואַנדלונג פונם בירא־בידזשאַנער ראַיאָן פון ווייט־מזרח'דיגן געביט אין אַ אידישער אויטאָנאָמער געגנט, וואָס דאָס איז פאַרגענומען געוואָרן אַלס פאַרווירקליכונג פון דער לעניניש־סטאַלינישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק, האָט זיך אײַנגאַנצן און פולשטענדיג באַרעכטיגט".

די באַשטימונג דערמאָנט וועגן די לאַנג־יאָריגע שטרעבונגען פון אידישן פאָלק צו נאַציאָנאַלער קולטור, בילדונג, אַ היימלאַנד (זע ציטאַטע אויף זייט 53), זי גיט אַן איבערבליק איבער דער אינדוסטריעלער און לאַנדווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג פון דער געגנט, איבער דער אַנטוויקלונג פון דער אידישער נאַציאָנאַלער קולטור, און עס ווערט צוליב דער ווײַטער־דיגער אַנטוויקלונג פון דער געגנט באַשטימט: 1) אין צענטער פון אויפ־מערקזאַמקייט זאָל פריער פון אַלץ שטיין די לאַנדווירטשאַפט און עס זאָל פאַרבעסערט ווערן די אַרבעט פון די ראַטן און זייערע מאַסן־אָרגאַנען, 2) באַזאָרגן די בוי־אַגענטורן מיט בעסערע טעכנישע מיטלען, 3) פאַרלייגן דעם פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר ערד־אַרבעט ער זאָל צושטעלן דעם ראַט פון פאָלקס־קאָמיסאַרן אַ פּראָיעקט וועגן צוגרייטן ניט ווייניגער ווי נײַע הונ־דערט טויזנט העקטאַר לאַנד פאַר נײַע איבערוואַנדערישע קאָלווירטן, 4) פאַרלייגן די געווערב־קאָאָפּעראַטיוון צוצושטעלן אַ פּלאַן פאַר אַ ברייטערער געווערב־קאָאָפּעראַציע אין דער געגנט, 5) פאַרלייגן דעם אויספיר־קאָמיטעט פון ווייט־מזרח'דיגן געביט צו העלפן פאַרשטאַרקן די לאַנדווירטשאַפטלעכע און אינדוסטריעלע בויאונג אין דער געגנט, 6) פאַרלייגן די צענטראַלע אויספיר־קאָמיטעטן פון אוקראַינע, ווייט־רוסלאַנד און דעם אויספיר־קאָמי־טעט פון דער מערב־געגנט צו שיינקען באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט דעם אָפּקלייב פון איבערוואַנדערער־אידן קיין בירא־בידזשאַן, 7) פאַרלייגן דעם צענטראַל־ראַט פון געזערד צו שטעלן אין צענטער פון דער אויפמערקזאַמ־קייט פון די געזערד־אָרגאַניזאַציעס די אָפּקלייב־אַרבעט.

די באַשטימונג פאַרענדיגט זיך אַזוי:

„דער פּרעזידיום פון צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט פון פאַרבאַנד פון די סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן דריקט אויס די זיכער־קייט דערין, אַז אַלע אַרבעטער און קאָלווירטניקעס פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט, די אַרבעטנדיגע אידן פונם ראַטנפאַרבאַנד און די סאָוועטישע געזעלשאַפטלעכקייט וועלן טאָן אַלץ, כדי גיכער צו לייזן די אויפגאַבעס פון ווייטערדיגן אַנטוויקלען און פאַרפעסטיגן די נאַציאָ־נאַלע סאָוועטישע אידישע מלוכה'שקייט אינם פאַרבאַנד פון די סאָווע־טישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן.

פאָרזיצער פון צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט פון

סאָוועטן־פאַרבאַנד, מ. קאַלינין."

# לאַנדווירטשאַפט, אינדוסטריע, האַנדל, בילדונג

דער פּאַרזייטער שטח לאַנד אין די קאָלווירטן און ראַטווירטן האָט אין 1936 אויסגעמאַכט 42 טויזנט העקטאַר. דער וואוקס פון די לעצטע יאָרן איז געווען אַזאַ: 1928 — 17,165 העקטאַר; 1934 — 33,000 העקטאַר; 1935 — 38,460 העקטאַר; 1936 — 42,000 העקטאַר.

דער פּלאַן איז צו דערגרייכן אין 1937 אַ שטח פון הונדערט טויזנט העקטאַר פּאַרזייט לאַנד.

די צאָל קאָלווירטן (קאָלעקטיווע ווירטשאַפטן) פון אידישע איבערוואַנדערער איז אין 1932 געווען בלויז 4. אין אָנהויב 1937 — 15. דער גרעסטער פון זיי איז דער קאָלווירט „רויטער אָקטיאַבער" אין אַמורזעט (ביים אַמור), וועלכער האָט אין 1936 פּאַרזייט 1,435 העקטאַר לאַנד. אַנדערע גרויסע קאָלווירטן זיינען: איקאָר (פּאַרמאָגט אַ שטח פון העכער דריי טויזנט העקטאַר, האָט אין 1936 פּאַרזייט בלויז 200), וואַלדהיים, ביראָ־פעלד, פרייליאַנד, ניילעבן.

די צאָל פי וואָס די קאָלווירטן האָבן פּאַרמאָגט האָט אין 1934 באַטראָפן 8,608; אין 1935 — 9,761; אין 1936 — 12,996. די צאָל חזירים האָט אין 1934 באַטראָפן 8,574; אין 1935 — 10,145; אין 1936 — 14,481. די צאָל פערד האָט אין 1934 באַטראָפן 4,618; אין 1935 — 4,838; אין 1936 — 5,661.

די קאָלווירטן האָבן אין 1934 פּאַרמאָגט 73 טראַקטאָרס, 4 קאָמבאַינען, 2 טראָקס (לאַסט־אויטאָמאָבילן), 43 פּאַרזיי־מאַשינעס. די ראַט־ווירטן האָבן דעם יאָר שוין פּאַרמאָגט 38 טראַקטאָרס, 20 קאָמבאַינען, 12 לאַסט־אויטאָמאָבילן. אין 1936 האָבן זיך אין דער געגנט שוין געפונען 216 טראַקטאָרס, צעטיילט אין זיבן מאַשין־טראַקטאָר סטאַנציעס, וועלכע האָבן באַדינט די פאַרשיידענע קאָלווירטן.

די קאַפּיטאַלע אינוועסטירונגען אין דער געגנט האָבן אין 1934 באַטראָפן 19 מיליאָן רובל, אין 1935 — 69 מיליאָן רובל. אין 1936 האָבן די קאַפּיטאַלע אינוועסטירונגען בלויז אויף ווירטשאַפטלעכע און קולטורעלע מיטלען שוין באַטראָפן 67 מיליאָן רובל. אַרום און אַרום איז אין דער געגנט אַריינגעפּלאַנט אין 1936 — לויט אַ פריערדיגער אויסרעכענונג — ביז 250 מיליאָן רובל.

אין דער שטאָט ביראָ־בידזשאַן איז אין 1933 אויסגעגעבן געוואָרן אויף קאָמונאַלע בויאונג אַנדערהאַלבן מיליאָן רובל, אין 1934 — 3 מיליאָן, אין 1935 — קאַרגע 17 מיליאָן, אין 1936 — 32 מיליאָן.

דער גרעסטער טייל פון די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען פון דער געגנט געפינען זיך אין דער הויפט־שטאָט: צוויי זעגמילן, 2 ציגל־זאַוואָדן, אַ ניי־פאַבריק, אַ מעבל־פאַבריק, אַ מעכאַנישער וואַרשטאַט, אַ דרוקעריי, אַ עלעקטראָ־סטאַנציע. אין 1936 איז פאַרטיג געוואָרן אַ נייע געביידע פאַר דער ניי־פאַבריק, וועלכע וועט ביי פולער אָנלאָדונג באַשעפטיגן 2,500 אַרבעטער. עס האָבן שוין אָנגעהויבן אַרבעטן טיילן פון אַ גרויסן וועגענער־זאַוואָד און עס האָט זיך געבויט אַ נייע עלעקטראָ־סטאַנציע אויף 6 טויזנט קילאָוואַט (פאַר 10 מיליאָן רובל), אַ דרוקעריי (אַ מיליאָן רובל), אַ שטריי־קעריי־פאַבריק, 5 ציגל־זאַוואָדן, אַ פאַפיר־זאַוואָד און אַנדערע אונטער־נעמונגען.

איינע פון די גרעסערע אונטערנעמונגען אין דער הויפט־שטאָט איז די מעבל־פאַבריק „דימיטראָוו“. צווישן 1931 און אָנהויב 1937 איז די פאַבריק אויסגעוואַקסן פון 40 אַרבעטער אויף 460. סוף 1937 וועלן דאָרט זיין טויזנט אַרבעטער, לויטן פּלאַן.

אַ גרויסער קאַלך־זאַוואָד איז אויסגעבויט געוואָרן אין לאָנדאָקאָ. ביי פולער אָנלאָדונג וועט ער אַרויסגעבן 60 טויזנט טאָן קאַלך אַ יאָר. גרעסערע קאַלך־אונטערנעמונגען געפינען זיך אין ביראָקאָן, וואו עס איז אויך קאָנצענטרירט די מאַרמאָר־פּראָדוקציע. אַ גרויסע מעבל־פאַבריק געפינט זיך אין סאָציאַליסטישן שטעטל איקאָר. מען איז צוגעטראָטן אַנטוויקלען די גראַפיט־אוצרות ביי סאָיוזנאַיע. עס אַרבעטן גוט די גאָלד־גרובן ביים טייך סוטאַרי. עס זיינען פאַראַן פישער־אַרטעלן, און אַ גרויסע פאַרם — געבורט־אָרט — פאַר רויג־פיש (קעטאַ) אויף דער בירא, לעבן לאָנדאָקאָ.

די געווערב (מלאכה) קאָאָפּעראַציע האָט אין 1934 אַרויסגעגעבן אַ פּראָדוקציע פון 6 מיליאָן רובל, אין 1935 — 12 מיליאָן רובל, אין 1936 (פּלאַן) — 27 מיליאָן.

דער האַנדל־אומזאַץ האָט אין 1934 באַטראָפן אין דער געגנט 17 מיליאָן רובל, אין 1935 — 73 מיליאָן, אין 1936 (פּלאַן) — 100 מיליאָן.

אין 1934 האָט די געגנט געהאַט 83 שולן מיט 9 טויזנט שילער. אין 1936 — 108 שולן מיט 14 טויזנט שילער, 576 לערער. דער פּלאַן איז צו האָבן צום סוף 1937 — 150 שולן מיט 30 טויזנט שילער און טויזנט לערער.

אין געגנט זיינען דאָ פיר טעכניקומס: פּעדאַגאָגישער, באַרג־מעטאַ־לורגישער, מעדיצינישער, לאַנדווירטשאַפטלעכער (די ערשטע דריי אין דער הויפט־שטאָט, דער לעצטער אין סטאַלינסק).

# באַפעלקערונג, געבורטן, שטערבלעכקייט

דער וואוקס פון דער באַפעלקערונג פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט איז אין די לעצטע יאָרן געווען אזאַ:

| | |
|---|---|
| 1926 | 32,266 |
| 1930 | 38,635 |
| 1931 | 44,374 |
| 1932 | 48,938 |
| 1935 | 56,000 |
| 1936 | 65,000 |

דער וואוקס פון דער שטאָט ביראָ־בידזשאַן (ביז 1930 — סטאַנציע „טיכאָנקאַיאַ") איז אין די זעלביגע צען יאָר געווען אזאַ:

| | |
|---|---|
| 1926 | 881 |
| 1929 | 1,288 |
| 1931 | 3,000 |
| 1932 | 5,200 |
| 1933 | 7,000 |
| 1934 | 7,400 |
| 1935 | 10,300 |
| 1936 | 17,000 |

אין אַפּריל 1937 האָט די שטאָט שוין פאַרמאָגט אַרום 20,000 איינוואוינער.

די אידישע איבערוואַנדערונג, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן אין 1928, איז, אין צאָלן, געגאַנגען אויף אזאַ אופן:

| | |
|---|---|
| 1928 | 850 |
| 1929 | 1,420 |
| 1930 | 1,186 |
| 1931 | 3,230 |
| 1932 | 8,234 |
| 1933 | 3,130 |
| 1934 | 5,267 |
| 1935 | 8,347 |
| 1936 | 7,000 |
| 1937 (פּלאַן) | 10,000 |

די מערהייט איבערוואַנדערער פון די ערשטע יאָרן האָט ניט אויס־געהאַלטן די שווערינקייטן און איז געפאָרן צוריק. באַזונדערס שווער איז געווען דאָס יאָר 1932, ווען אין גאַנצן לאַנד איז אויפן דאָרף אָנגע־גאַנגען דער קאַמף פאַר קאָלעקטיוויזאַציע, און ביראָ־בידזשאַן איז געטראָפן געוואָרן פון אַ פאַרפּלייצונג. די איבערוואַנדערער פון זינט 1933 זיינען אין דער גרעסטער מערהייט געבליבן אין דער געגנט, וועלכע האָט צום סוף 1936 פאַרמאָגט 23,000 אידן.

אין 1930 האָבן אידן אויסגעמאַכט קאַרגע זיבן פּראָצענט (6.9) פון דער באַפעלקערונג. אין 1932 — העכער 15 פּראָצענט (15.5), אין 1933 — אַרום 20 פּראָצענט, צום אָנהויב 1937 — אַרום 33 פּראָצענט.

רוסן, וועלכע האָבן אין 1930 אויסגעמאַכט קאַרגע 66 פּראָצענט (65.8) האָבן אין 1932 אויסגעמאַכט קאַרגע 57 פּראָצענט (56.6) און אין 1936 — אַן ערך 40 פּראָצענט. עס זיינען אין דער געגנט אויך דאָ קליינע גרופּן אוקראַאינער (אין 1932 — קאַרגע אַכט פּראָצענט), קאָרייער (אין 1932 — קאַרגע 12 פּראָצענט), כינעזער (אין 1932 — עטוואָס איבער צוויי פּראָצענט) און אַנדערע.

אין 1933 איז געווען העכער צוויי געבורטן (2.1) אויף יעדע 100 איינוואוינער. אין 1934 — קאַרגע דריי געבורטן (2.8) אין 1935 — קאַרגע פיר געבורטן (3.8).

די שטערבלעכקייט פון דער באַפעלקערונג האָט זיך אין דער צייט פאַרקלענערט פון קאַרגע צוויי (1.7) אויף יעדע 100 איינ־וואוינער ביז ווייניגער ווי איינס (0.9).

# פראַגן און ענטפערס

### אַ ריי פון די וויכטיגסטע פראַגן, וואָס זיינען געשטעלט געוואָרן אויף לעקציעס און פאַרזאַמלונגען וועגן ביראָ־בידזשאַן

## ביראָ-בידזשאַן און פאַלעסטינע

**פראַגע:** אויב איר זייט פאַר ביראָ־בידזשאַן, טאָ פאַרוואָס זייט איר אַזוי שטאַרק געגן פאַלעסטינע? אויב ביראָ־בידזשאַן איז אַ לייזונג פון דער אידישער פראַגע איז דאָך פאַלעסטינע פונקט אַזאַ לייזונג?

**ענטפער:** ביראָ־בידזשאַן איז ניט קיין „רויטע פאַלעסטינע". ביראָ־בידזשאַן נעמט זיך ניט אונטער צו לייזן די פּראָבלעמען פון די אידן אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער דורך אַרויסנעמען זיי פון „גלות". די אידייע פון ביראָ־בידזשאַן אַנערקענט בכלל ניט קיין „גלות". לויט דער אידייע קומט אויס, אַז די אידן וועלן אומעטום מוזן לייזן זייער פראַגע אויפן אָרט וואו זיי וואוינען (און וואו זיי וועלן בלייבן וואוינען). דאָס, וואָס געוויסע גרופּן וואַנדערן אויס, אָדער וועלן אויך פאָרן קיין ביראָ־בידזשאַן, האָט ניט צום ענין. אויסוואַנדערונג פון די לענדער אין מזרח אייראָפּע איז פאָרגעקומען אין משך פון יאָרן, ספּעציעל פאַר דער מלחמה, און אין די הונדערטער טויזנטער. דאָס האָט אָבער ניט געלייזט די אידן־פראַגע אויפן אָרט. זי איז געלייזט געוואָרן נאָר אין געוועזענעם רוסלאַנד, טאַקע ניט דורך אויסוואַנדערונג.

**פראַגע:** אָבער דורך אַגיטירן פאַר ביראָ־בידזשאַן באַווייזט איר דאָך, אַז איר זייט פאַר אַ אידישע היים, פאַר אידישע מלוכה׳שאַפט, ווי איר רופט עס. טאָ פאַרוואָס זעצט איר אויס געגען פאַלעסטינע?

**ענטפער:** דאָ האַנדלט זיך ניט וועגן פאַלעסטינע, אָדער ציוניזם. דאָס איז זייער אַ גרויסע פראַגע, וואָס מען קאָן אויף איין פוס ניט באַהאַנדלען. אין קורצן דאַרף געזאָגט ווערן: יעדער פאַרזוך צו ענדערן דעם „סטאַטוס קוואָ" (איצטיגן צושטאַנד) פון מלוכה־פאָרמען, יעדער פאַרזוך פון אַן אונטערדריקטער נאַציאָנאַליטעט זיך צו באַפרייען, קריגן פולע רעכט, פירט אויף איין וועג — קאַמף. דער אימפּעריאַליזם וועט מיטן גוטן ווילן קיינעם ניט געבן קיין אייגענע מלוכה אָדער נאַציאָנאַלע מלוכה׳שאַפט. דער קאַפּיטאַליזם־אימפּעריאַליזם זוכט, פאַרקערט, אַריינצוכאַפּן נייע טעריטאָריעס, אונטערדריקן נאָך מער קלענערע פעלקער.

עס איז אמת — און דאָס דאַרף מען געדיינקען — אַז אויך אונטערן קאַפּיטאַליזם קאָנען נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, דאָרט וואו זיי געפינען זיך, דערשלאָגן זיך אויסבעסערונגען, דורך אַ קאַמף האַנט אין האַנט מיט אַלע פּראָגרעסיווע עלעמענטן פונם געגעבענעם לאַנד. אָפּגערעדט פון אַזאַ היסטאָרישן פּעריאָד ווי די יאָרן פון דער וועלט־מלחמה, ווען אונטערדריקטע נאַציעס האָבן דורך אַן איבערטאַשירונג פון די וועלט־כחות געוואונען נאַציאָנאַלע זעלבסטשטענדיגקייט. דאָס האָט אָבער פּאַסירט מיט נאַציעס וואָס האָבן געוואוינט אויף זייער טעריטאָריע און זיינען אין די גרעניצן פון דער היסטאָרישער טעריטאָריע זייערער געווען אַ מערהייט און זיינען געווען אַ כוח אויפן וואָגשאָל פון די געגנזאַצן פון די פאַרשיידענע אינטערעסן, אויף די שלאַכטפעלדער און שפּעטער (פאַרשטייט זיך, אַז אין זייער אַ גרויסער מאָס זיינען די קליינע נאַציעס פאַרבליבן אונטער דער הערשאַפט פון גרויסע מלוכות — פינאַנציעל, אָדער אויף אַן אַנדער שטייגער). אַנדערש איז אָבער מיט אַזאַ קליין לאַנד ווי פּאַלעסטינע (ווייניגער ווי אַ העלפט די גרויס פון ליטע), וואָס פאַרמאָגט אַן איבערוועגנדיגע אַראַבישע מערהייט, מיט צענדליגער מיליאָנען אַראַבער אַרום, און דער ציוניזם קאָן אויסרעכענען בלויז אויף די אינטערעסן און דעם גוטן ווילן פון אַזאַ פאַררעטערישער און בלוטיגער סיסטעם, ווי דער ענגלישער אימפּעריאַליזם. — בעת דאָס אידישע פאָלק, ועמען מען זאָל, הייסט עס, דאָס לאַנד געבן, וואוינט אין פאַרשיידענע טיילן וועלט און איז דאָרטן איינגעוואָרצלט. גוט צי שלעכט — אין אַזאַ צושטאַנד געפינט זיך דאָס אידישע פאָלק, אַ צושטאַנד פון אַ וועלט־פאָלק. די וואָס שאַצן אָפּ די לאַגע מוזן קומען צום אויספיר, אַז עס איז פאַרפירעריש צו ריידן וועגן אַ אידישער מלוכה וואָס וועט געגעבן ווערן מיטן ווילן פון וועלכן עס איז אימפּעריאַליזם, „אפילו" ענגליש, און אַז מען קאָן ניט שאַפן קיין אידישע מלוכה'־שאַפט, באַפרייען דאָס אידישע פאָלק, אין אַ לאַנד וואָס איז באַזעצט. דאָ איז ניט די פראַגע צי עס איז נאָך פאַראַנען וויפיל ניט איז אָרט.) די זאַך איז וואָס אין פּאַלעסטינע וואוינט אַ באַדייטנדיקע באַפעלקערונג. איר מערהייט איז ניט קיין אידישע.

## מערהייט־מינדערהייט אין בירא־בידזשאַן

פ ר אַ ג ע: אָבער אויך אין בירא־בידזשאַן זיינען די אידן אַ מינדערהייט, פונדעסטוועגן האָט די סאָוועטן־רעגירונג דערקלערט די געגנט ווי אַ אידישע אויטאָנאָמיע?

ע נ ט פ ע ר: דער פּרייוויליגער אופן ווי אַזוי בירא־בידזשאַן איז

פון דער רעגירונג דערקלערט געווארן ווי א אידישע אויטאנאמיע, בלויז צוליבן צוועק צו געבן אידן אבסאלוטע, הונדערט־פראצענדיגע, גלייכהייט מיט אלע נאציעס, איז א באווייז ווי אזוי נאר אונטער ארבעטער־מאכט קאנען אונטערדריקטע נאציאנאליטעטן באפרייט ווערן. פארשטייט זיך אז די אידישע נאציאנאליטעט איז אומעטום בארעכטיגט צו פולער גלייכהייט, צו האבן אומעטום מלוכה־ארגאנען. בירא־בידזשאן איז א ביישפיל פאר די אידן אין אנדערע לענדער אונטער וואס פאר א מלוכה־פארם זיי ווען זיך קאנען דערשלאגן זייער באפרייאונג. נאר אן ארבעטער־מלוכה באווארנט נאציאנאלע מלוכה'שאפט פאר אונטערדריקטע נאציעס. וואס איז שייך אבער דער באפעלקערונג פון בירא־בידזשאן איז די זאך אזוי. עס האט קיין שום זין ניט צו ריידן וועגן א מערהייט אדער א מינדערהייט אין א לאנד וואס איז כמעט אינגאנצן פוסט. איין זאך איז פאלעסטינע, וועלכע איז ווייניגער ווי א העלפט די גרויס פון בירא־בידזשאן און פארמאגט קארגע אנדערהאלבן מיליאן איינוואוינער. אן אנדער זאך איז בירא־בידזשאן, וואס איז העכער ווי צוויי מאל אזוי גרויס, און איז ניט אין פארגלייך רייכער, און פארמאגט אינגאנצן 65 טויזנט איינוואוינער... מען האט ניט געקאנט זאגן, אז אמעריקע געהערט צו די אינדיאנער, ווען די ערשטע גרופן אימיגראנטן זיינען אהער געקומען. כאטש די אינדיאנער זיינען געווען מער, האט זיך אבער ניט געקאנט האנדלען וועגן א מערהייט, ווייל עס איז געווען א פוסט לאנד. און ווען דאס לאנד איז פוסט, און ווען אזא לאנד געפינט זיך נאך אונטער אן ארבעטער־רעגירונג דארף מען געוויס ניט קריכן אנדערע אויפן קאפ, ניט אפנעמען ביי אנדערע קיין באדן אדער רעכט. אזוי איז די לאגע אין בירא־בידזשאן, וואו עס הערשן די בעסטע באציאונגען צווישן אידן און ניט־אידן. די ניט־אידן באטייליגן זיך אויך אין העלפן אויסבויען די אידישע געגנט.

## ווען וועט פראקלאמירט ווערן די רעפובליק

פ ר א ג ע: פארוואס ווארט די סאוועטן־רעגירונג מיטן פראקלאמירן א אידישע סאוועטן־רעפובליק?

ע נ ט פ ע ר: דאס שטרייכט ווידער אונטער דעם צוגאנג פון אן ארבעטער־מלוכה. די סאוועטן־רעגירונג האט ניט באשטימט פון סאמע אנהויב גלייך א אידישע מלוכה, אדער „נאציאנאלע היים“, נאך איידער א באדייטנדיגע אידישע באפעלקערונג האט זיך באזעצט און האט באהערשט דאס לאנד. די געגנט איז פריער באשטימט געווארן אלס אן ארט פאר אידישער איבערוואנדערונג. דערנאך, אין 1930, איז די געגנט דער־

קלערט געווארן ווי א אידישער נאציאנאלער ראיאן. ווען עס זיינען אנגעקומען נאך טויזנטער אידן און זיי זיינען געווארן נאך א וויכטיגער פאקטאר אין דערווירטשאפט, איז די געגנט דערקלערט געווארן ווי א אידישע אויטאנאמיע. ווען די ארבעט וועט ווייטער פארגעזעצט ווערן און די אידישע באפעלקערונג וועט דערגרייכן אומגעפער 50 טויזנט, האלט מען אז דעמאלט וועט פראקלאמירט ווערן די אידישע סאוועטישע רעפובליק. מען וויל קיינעם ניט אפנארן, עס איז ניט קיין פראגע פון פאליטישע טריקס. עס איז א רעאלער צוגאנג צו די מעגלעכקייטן ווי אזוי אויפצובויען די מלוכה'שאפט פון א נאציאנאליטעט וואס האט עס פריער ניט פארמאגט, אויף אן אויפריכטיגן שטייגער, מיט ממשות'דיגער הילף.

## צו וואס אונזער הילף?

פראגע: אט טאקע וועגן הילף. צו וואס דארף מען אונזער הילף אין אמעריקע און קאנאדע (אזוי אנדערע קאפיטאליסטישע לענדער). ווען די סאוועטן־רעגירונג גיט אזוי פיל געלט אויף בויען די אידישע געגנט?

ענטפער: עס איז קלאר געווען פון סאמע אנהויב, אז די אידישע סאוועטישע רעפובליק וועט אלץ איינס געבויט ווערן — מיט דער הילף פון אויסלאנד, אדער ניט. עס איז אבער א פראגע: ווי שנעל? און אויך: לייכטער אדער שווערער? ווען דער איקאר האט געשיקט קיין בירא־בידזשאן די ערשטע טראקטארס און די ערשטע עקסקאוואטארס, און אנדערע מאשינען, האבן זיי געשפילט א גרויסע ראל — כאטש מיט יארן שפעטער זיינען אונטערגעקומען א סך מער טראקטארס פון דער מלוכה. פונקט אזוי וועלן שפעטער אונטערקומען שרייב־מאשינען, דרוק־מאשינען, און אלערליי אנדערע זאכן, אבער דער־ווייל מוז די אידישע קולטור וואַרטן, זי האט ניט קיין טעכנישע מעגלעכקייטן זיך צו אנטוויקלען. ווען דער איקאר שיקט דרוק־מאשינען, העלפט ער דער אידישער קולטור זי זאל זיך שנעלער אנטוויקלען און זאל אויף אזא אופן בעסער באדינען און צוציען אידישע איבערוואנ־דערער, בעסער איינווארצלען די וואס זיינען שוין דא.

עס האנדלט זיך אויך וועגן באזעצן אידן פון אויסלאנד. אויסשטאטן א פאמיליע ביזן גרעניץ קאסט געלט. מיט גרויסע סומען וואלט מען אויך געקאנט מיטהעלפן פארשנעלערן די הייזער־בויאונג און אויף אזא אופן אפראמען איינע פון די שטערונגען אויפן וועג צו נעמען פאמיליעס פון אויסלאנד. (די גרופן, וואס מוזן אויסוואנדערן)•

## איבערוואנדערער פון אויסלאנד

פ ר א ג ע: איז דאס די איינציגע סיבה פארוואס עס פארהאלט זיך די איבערוואנדערונג פון אויסלאנד? האט דען ניט בירא־בידזשאן בענוג געהילץ, אדער אנדערע מאטעריאלן אויף בויען הייזער?

ע נ ט פ ע ר: קודם מוז קלאר ווערן, אז די סאוועטן־רעגירונג און די אנפירונג אין בירא־בידזשאן גופא ווילן האבן איבערוואנדערער פון אויסלאנד. זיי ווילן העלפן אידן פון פוילן און אנדערע לענדער און מען האלט די דאזיגע אידן פאר א נוצלעכן עלעמענט. אזעלכע אידן קאנען לייזן דעם מאנגל אין געוויסע קוואליפיצירטע ארבעטער. אבער די שוועריגקייטן זיינען פארשיידענע. ערשטנס, הייזער־בויאונג. וואלד איז טאקע דא אין דער אידישער אויטאנאמער געגנט גענוג, אבער כדי צו ברייננען וואלד אין געהילץ־זאוואד דארף מען ארבעטער, דארף מען גענוג זאווארן. דארף מען מאשינעריע, לאסט־אויטאמאבילן (טראקס), וועגן. מען מוז בויען ציגל־זאווארן, קאלך־זאווארן, מען דארף האבן א בוי־טעכניק, קוואליפיצירטע ארבעטער. מען דארף רערן, אויוונס, וואסער־לייטונג (אין נרעסערע געביידעס). דאס קאן מען אין א פוסט לאנד ניט באשאפן מיטאמאל. און אזוי ווי גאנץ סאוועטן־פארבאנד בויט זיך זייער שטארק און האט אליין א מאנגל אין די זאכן, קאן מען ניט פיל העלפן פון דרויסן ביים בעסטן ווילן. דאס זיינען די סיבות פאר די שוועריגקייטן ביים דורכפירן דעם בוי־פלאן און די שוועריגקייטן ביים ברייננען איבערוואנדערער פון אויסלאנד. איצט וויל מען גיין אויף אן אייזערנעם בריק: מען וועט ניט ברייננען קיין איבערוואנדערער וועו עס איז ניטא וואו זיי צו באזעצן. אין לעצטן פאל וועלן זיי לויפן צוריק, און דערמיט שעדיגן אנשטאט העלפן.

נאך א סיבה איז פאראן: אינטערנאציאנאלע קאמפליקאציעס. כדי צו נעמען — למשל — טויזנט פאמיליעס פון פוילן, מוז מען אין קאנטאר (וואס וועט דארפן ספעציעל געשאפן ווערן פאר דעם צוועק) ריידן מיט טויזנטער אפליקאנטן. ניט יעדערער וועט דאך זיין צוגעפאסט לויט זיין פאך, אדער בכלל צוגעפאסט צו פיאנערן־ארבעט. אפליקאציעס וועלן געווים קומען א סך טויזנטער. עס וועט זיך שאפן א ברייטע פאלקס־באוועגונג ארום בירא־בידזשאן — אין פוילן. און די פוילישע רעגירונג, כאטש זי וויל זייער, אז אידן זאלן אויסוואנדערן, וויל זי אבער ניט אזא באוועגונג ביי זיך אין לאנד. עפענען אן איבערוואנדערונגס־אפיס אין פוילן איז דעריבער ניט פון די זייער לייכטע זאכן.

דאס זיינען אפשר נאך ניט אלע שוועריגקייטן. קלאר איז, אז עס איז ניט אזוי לייכט ווי מען מיינט. עס איז צו האפן, אז די שוועריגקייטן וועלן ביינעקומען ווערן.

## פליגעלעך און אנטלאָפענע

פ ר א ג ע: וואָס איז מכוח די וואָס זיינען אנטלאָפן אמאָל פון בירא־בידזשאַן? לויט די ציפערן קומט דאָך אויס, אז מער זיינען אנט־לאָפן, ווי עס זיינען געבליבן? זיינען די פליגעלעך די איינציגע סיבה? וועלן זיי ניט איצט פאַרטרייבן די ניי־געקומענע?

ע נ ט פ ע ר: אמאָל זיינען פון אמעריקע געפאָרן אידן צוריק אין די שטעטלעך אין רוסלאַנד, אָדער גאַליציע. דאָס „היימישע שטעטל" האָט זיי געצויגן אפילו פון דער מאָדערנער אמעריקע. די טויערן פון בירא־בידזשאַן זיינען אָפן אויף אַרויספאָרן קיין אוקראַינע, אָדער אַנדערע טיילן פון לאַנד. וואָס איז דער וואונדער, וואָס פיל געקומענע אין אַ פּוסט, ווילד לאַנד, האָבן ניט אויסגעהאַלטן און זיינען געפאָרן צוריק אין שטעטל, אָדער זיינען גאָר אַוועק אין די גרויסע שטעט פון ווייטן מזרח (כאַבאַראָווסק, וולאַדיוואָסטאָק)? עס וואָלט געווען אומנאַטירלעך, ווען עס וואָלטן ניט געווען קיין צוריקפאָרער. דער בעסערער עלעמענט האָט זיך „אָפּגעזעצט", איז געבליבן. איצט, ווען די איבערוואַנדערונג ווערט שוין געפירט לויט אַ פּלאַן, און איז דער געגנט זיינען שוין פאַראַן פעסטע ישובים, איז דער פּראָצענט צוריק־פאָרנדיגע אַ נישטיגער. כמעט אַלע פאַרבלייבן.

די פליגעלעך זיינען געווען איינס פון אַ סך שוועריגקייטן אין ניט קיין באַזעצט לאַנד. זיי זיינען געגאַנגען האַנט אין האַנט מיט זומפּיגקייט, בלאָטעס, וועגלאָזיגקייט. דאָרט וואו עס איז געשאַפן געוואָרן אַ ישוב זיינען די פליגעלעך פאַרשוואונדן. דאָרט וואו דער באָדן איז באַאַרבעט געוואָרן, דער זומפּ און די ווילדע בוימלעך און גראָזן זיינען פאַרשוואונדן — זיינען אויך פאַרשוואונדן די בייסנדיגע פליגעלעך (אַלערליי סאָרטן קאָמאַרעס, וואָס אַלע צוזאַמען רופן זיי זיך „גנוס"). אין דער שטאָט בירא־בידזשאַן שטעלן זיי ניט פאָר מיט זיך קיין שום פּראָבלעם. אפילו אין געוויסע קאָל־ווירטן זיינען זיי ניט קיין גרעסערע פּראָבלעם, ווי די קאָמאַרעס (מאָס־קיטאָס) אין פאַרם־געגנטן אין אמעריקע.

## אידן אַלס שוץ געגן יאַפּאַן

פ ר א ג ע: איז ניט אמת, אז דער גאַנצער פּראָיעקט פון דער אידישער רעפּובליק האָט צוטאָן מיט דעם, וואָס די סאָוועטן־רעגירונג וויל אויפבויען דעם ווייטן מזרח? איז ניט אמת, אז דערמיט וויל מען באַ־שאַפן אַ מין בופער־שטאָט, וואָס זאָל באַשיצן דאָס לאַנד פון אַן אַטאַקע פון די יאַפּאַנישע אַרמייען?

ע נ ט פ ע ר: עס איז בפירוש אמת, אז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד

איז פאַראינטערעסירט אויפצובויען דעם ווייטן מזרח — אַ ריזיגע שטרעקע, וואָס איז זיבן מאָל אַזוי גרויס ווי דייטשלאַנד, האָט איינגאַנצן דריי מיליאָן מענטשן. און כאָטש עס איז ריכטיג, אַז ביראָ־בידזשאַן איז באַשטימט געוואָרן פאַר אידישער איינוואַנדערונג, ווייל עס האָט זיך געפאָדערט דערצו אַ גרויסע, פרוכטבאַרע, ניט באַזעצטע שטרעקע לאַנד, איז אויך ריכטיג, אַז דאָס אויפבויען ביראָ־בידזשאַן אַלס אידישע סאָוועטישע מלוכה פּאַסט זיך אַריין אין דער אויפבויאונג פון ווייטן מזרח אינגאַנצן. דאָס איז אַ מעלה, ניט קיין חסרון. דער גליק פון ביראָ־בידזשאַן איז, וואָס דער גאַנצער פּראָיעקט איז פאַרבונדן מיט אַ פּראָגרעסיווער, אויפבויענדיגער עפּאָכע אין דער מענטשלעכער געשיכטע, און ניט מיט פאַרכאַפּונג, אונטערדריקונג; ניט אַלס פּראָדוקט פון מלחמה, נאָר פון פרידן, פון סאָציאַליזם, פון באַ־הערשן נייע רייכטימער פאַרן וואוילזיין פונם מענטשן.

די אידן וועלן פאַרשטייט זיך טאָן זייער טייל פאַר דער פאַרטיי־דיגונג פונם לאַנד — צי דאָס איז געגן יאַפּאַנישע אַנגרייפער אין ווייטן מזרח, אָדער געגן דייטשע און פּוילישע פאַשיסטן אין אוקראַינע, ווייס־רוסלאַנד. פון שטאַנדפּונקט פון מלחמה שטעלן פאַר אוקראַינע און ווייס־רוסלאַנד געוויס ניט קיין קלענערע געפאַר, אויב ניט אַ גרעסערע. אָבער צו זאָגן, אַז די סאָוועטן־רעגירונג האָט אַרויסגערוקט די אידן, זיי זאָלן זיין די וואָס וועלן אָפּהאַלטן די יאַפּאַנישע אַרמייען, קלינגט ניט נאָר מאָדנע, נאָר שטימט ניט מיט די פאַקטן. דער גרעניץ מיט מאַנדזשוריע, קאָרייע, אינערן־מאָנגאָליע, וואו יאַפּאַנישער מיליטאַריזם בושעוועט, מאַכט אויס העכער דריי טויזנט מייל. דער גרעניץ פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט מיט מאַנדזשוריע מאַכט אויס אַרום 250 מייל...

דאָס וועט זיין גענוג. מען קאָן צוגעבן, אַז דער דאָזיגער זייער קלענער טייל פונם גרעניץ מיטן יאַפּאַנישן מיליטעריזם פאַרמאָגט די גרעסטע נאַטירלעכע שוועריגקייטן פאַר אַן אַנגריף (דער אַמור, בערג, זומפּן).

## וואו וועט מען נעמען אידן פאַר ביראָ־בידזשאַן

פ ר אַ ג ע: אויב נעמען אידן פון אויסלאַנד איז שווער און אויב אידן אין אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד גייט גוט, ווי איר זאָגט, טאָ ווער וועט בויען ביראָ־בידזשאַן? און וואָס איז מיט אידן אין אַמעריקע — קאָנען זיי אינגאַנצן ניט פאָרן?

ע נ ט פ ע ר: אידן פון אַמעריקע קאָנען, אַלס כלל, ניט פאָרן. אין אַ פּיאָנערן־לאַנד, וואו מען דאַרף דורכגיין שוועריגקייטן, איז נויטיג אַ פאַרהאַרטעוועטער עלעמענט, אַזעלכער וואָס איז ניט צעבאַלעוועט געוואָרן

פון באַקוועמלעכקייטן. אידן פון פוילן, וועלכע לעבן אַ שווער לעבן, וועלן אין בירא־בידזשאַן ש ו י ן טרעפן אַ מאַטעריעלע פאַרלייכטערונג, אַפילו ווען זיי וועלן נאָך ניט קריגן קיין אַראַנזשן, גרעיפּ־פרוכט און ענלעכע שפּייזן, וואָס זיי האָבן סיי־ווי ניט, און אפילו ווען זיי וועלן ניט האָבן קיין וואַסער־ליַיטונג, פרידזשידעירס, און נאָך אַזעלכע זאַכן, וואָס זיי האָבן אויך ניט. אַנדערש איז מיט אַזעלכע וואָס קומען פון אַמעריקע. זיי זיינען צוגעוואוינט צו אַ באַשטימטן סאָרט לעבן, אָדער האָבן ווינציגסטנס פ אַ ר ז ו כ ט געוויסע פון די זאַכן, און די אָפּוועזנהייט פון אַזעלכע זאַכן איז אַמאָל אַ קוואַל פון אומצופרידנקייט, פון אַנטוישונג, פון באַגער צו פאָרן צוריק. איז צו וואָס זאָל מען דאַרפן אַפילו איינשטעלן ? עס קאָנען געמאַכט ווערן אויסנאַמען פאַר געוויסע ספּעציאַליסטן־בויער, איינצלנע מענטשן, וואָס מען קאָן אויסרעכענען, אַז זיי וועלן זיך אַריינפּאַסן. דאָס איז אַ באַזונדער פראַגע, אָבער בכלל גענומען אָריענטירט מען זיך ניט אויף אַמעריקאַנישער איבערוואַנדערונג, און מען דאַרף נ י ט דערמוטיגן אַזעלכע וואָס ווילן פון אַמעריקע פאָרן קיין בירא־בידזשאַן.

ווער־זשע וועט בויען די אידישע אויטאָנאָמע געגנט ? עס איז דאָ ווער. דעם אידן פון אוקראַינע, ווייסרוסלאַנד, איז טאַקע גוט — אין דעם זין, וואָס די אַמאָליגע נויט איז אַוועק צוזאַמען מיט אַמאָליגע פאַרפאָלגונגען. קיין דעקלאַסירטע זיינען שוין ניטאָ, אָבער דאָס הייסט ניט, אַז יעדער „געוועזענער" האָט זיך שוין אַוועקגעשטעלט פעסט אויף די פיס, איז אַ גוטער אַרבעטער, האָט זיך דערשלאָגן דעם לעבנס־סטאַנדאַרד פון קוואַליפיצירטע אַרבעטער, אָדער גאָר סטאַכאַנאָוועצעס. פיל געוועזענע דעקלאַסירטע, אָדער אַנדערע, פאַרדינען נאָך ווייניג, ווייל זייער אַרבעט־קענטעניש און אַרבעט־פייאיגקייט איז אויף אַ נידעריגער שטופע. צווישן זיי קומט פאָר אַ פּראָצעס פון „איבערקוואַליפיצירן" זיך, ווי צווישן אַלע האָרעפּאַשניקעס, וואָס פאַרדינען דערווייַלע ניט קיין סך. בירא־בידזשאַן מאַכט לייכטער פאַר אַזעלכע אידן, ספּעציעל פון די שטעטלעך, צו איבערקוואַליפיצירן זיך. מען שיקט זיי אויף קורסן, וואו זיי לערנען זיך אויס צו זיין בוי־אַרבעטער, באַן־אַרבעטער (אויף די באַנען גייט מייסטנס די יוגנט) און זיי פאָרן קיין בירא־בידזשאַן. דאָרט טוען זיי אַזאַ אַרבעט און פאַרנעמען אַזעלכע פּאָזיציעס, וואָס זיי קאָנען אין שטעטל ניט באַווייזן צו קריגן. אָט דאָ איז די עקאָנאָמישע טרייב־קראַפט צו פאָרן קיין בירא־בידזשאַן. אמת, עס איז ניטאָ די ביטערע נויט, עס איז ניטאָ די בייטש פון פאַרפאָלגונגען, וואָס זאָל יאָגן, טרייבן, צווינגען מען זאָל לויפן מאַסנווייז, ווי פון אַ פייער. אַזאַ מין טרייב־קראַפט צו „בויען" לענדער, ווי דאָס איז דער פאַל אונטער קאַפּיטאַליזם, קאָן ניט עקזיסטירן אונטער סאַציאַ־

ליזם. די טרייב־קראַפט צו פאַרן אין ביראָ־בידזשאַן איז ניט באַגלייט מיט דראַמאַטישע און האַרץ־רייסנדיקע עמיגראַציע־אויסברוכן. זי איז אָבער פאַראַן. זי לאָזט זיך אויך רעגולירן, איינפּאַסן זיך אין אַ פּלאַן.

מען קאָן זייער גוט פאַרשטיין די אומגעדולד פון די וואָס זיינען ניט צופרידן מיטן טעמפּאָ ווי אַזוי ביראָ־בידזשאַן ווערט געבויט. מען קאָן זאָגן, אַז קיינער איז ניט צופרידן (זע ערשטן קאַפּיטל פון דעם בוך). יעדערער וויל, אַז ביראָ־בידזשאַן זאָל זיך בויען שנעלער. מען טאָר אָבער ניט, צוליב דעם אייגענעם אומגעדולד און צוליב דער גרויסער באַדערפעניש פאַר שנעלערער בויאונג, אַוועקגיין אויף אַוואַנטיורעס. ניט אַזוי בויט מען אין אַ סאָציאַליסטיש לאַנד. מען טאָר ניט אַרויסלאָזן פון אויג די אַבסאָלוט אַנדערע פאָרמען אונטער וועלכע אַ לאַנד ווערט באַזעצט אונטער סאָציאַליזם. דאָ קאָן זיך ניט האַנדלען וועגן מקריב זיין טויזנטער מענטשן, אויסבעטן דעם פונדאַמענט מיט די ביינער פון פּיאָנערן, ווען מען טרייבט אינם נייעם לאַנד מיטן בייטש פון נויט און פאַרפאָלגונג, אָדער מען באַזעצט גאָר פּשוט מיט געוואַלט. דאָס זיינען אין נייע לענדער געווען די נאַטירלעכע פאָרמען, אָבער וועגן אַזאַ מין בהלה'דיקער (אָדער מערדערלעכער) באַזעצונג פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט קאָן קיין רייד ניט זיין! עס איז פאַראַן אַן עקאָנאָמישע טרייב־קראַפט פון אַ העכערן סאָרט, ווי מיר האָבן געזען, און זי איז איינגעפּאַסט אין אַ פּלאַן. אָבער דאָס איז ווייט ניט אַלץ.

זייט ביי זייט מיט דער טרייב־קראַפט אויפצוהויבן זיך נאָך העכער אויפן לייטער פון דער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט, איז פאַראַן דער געזונטער נאַציאָנאַלער פּאַטריאָטיזם, די ליבשאַפט צום לאַנד בכלל, דער דראַנג צו אידישער סאָוועטישער מלוכה'שאַפט. דער דראַנג צו בויען די אידישע סאָציאַליסטישע קולטור אין די ראַמען פון אידישער מלוכה'שאַפט. ספּעציעל ווערן דורך דער קראַפט באַוועגט קולטור־טוער, יונגטלעכע. אָט די דאָזיקע קרעפטן, האַנט אין האַנט מיט די מעגלעכקייטן אויסצובעסערן זיך עקאָנאָמיש, שאַפן די קאָנטיגענטן אידן, וואָס פאָרן בויען די אידישע אויטאָנאָמיע — די צוקונפטיקע אידישע סאָוועטישע רעפּובליק.